STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11785

SHAUL UN DAVID

Jehiel Lerer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחיאל לערער

שָאול און דָוד

פאעמע

פארלאַג א. גיטלין װארשע

1931

נאכדרוק און איבערזעצען אָן
דערלויבעניש פון מחבר שטרענג
פאַרבאָטן.

JECHIEL LERER

SAUL i DAWID

Wydawnictwo A. GITLIN

Warszawa 1931

Druk. Sikora i Mylner, Nowolipki 6

Printed in Poland

שאול און דוד

אינהאַלט:

שאול דער זיגער	7
שמואל	9
גילגל	12
נבואה	15
* * *	18
בית־לחם	19
בלייב דאָך...	22
אַ טויט דעם לייב	24
יונתן	27
פרימאָרגן	30
ישי	33
אָוונט	36
מיכל	39
זאָרג	41
בענקשאַפט	44
גלית	47
ווּ זענען זיי?	51
אַ נאַכט	54
אויפן שלאַכטפעלד	57
זיג	61
נאָכן זיג	67
שליחים אין רמה	71
חשד	77
באַראַטונג	82
אורטייל	87
גלות	91
אַ שמועס	95
די לעצטע שלאַכט	99

שאול דער זיגער

די גאָלדענע זון פאַרלאָזט לאַנגזאַם דאָס שלאַכט-פעלד,
דאָס טאָל פון עמלק פון מענטשן-בלוט פייכט,
און מיט אומצייליקע, מענטשלעכע קערפערס פאַרזייט;
דער נאַכטלעכער שלייער וועט אַלץ באַלד פאַרדעקן,
און פון וועלדער דערבייאיקע וועלן רויב-פייגל איילן,
די נאָך וואַרעמע קערפערס פון העלדן פאַרצערן.

אָבער ווער איז דער העלדישער רייטער, דער שלאַנקער
אינמיטן די מוטיקע, זיגרייכע מחנות,
וואָס ציען נאָך מערב אין גלאַנץ פון דער זון?
און טויט און פאַרוויסטונג ווייט הינטער זיך לאָזנדיק,
איילט ער אַלס זיגער אין זיין לאַנד אַריין צוריק,
מיטן קראַנץ פון נצחון די שלייפן באַצירט?

אָ, גבֿעה, ערשט קעניגלעכע יידישע שטאָט!
בריייט עפן דיינע טויערן, לאָז פלאַטערן די פענער,
דען אַלס זיגער קערט צוריק זיך דיין העלדישער שאול;
פאַרשעמט ביי זיין זייט גייט דער קעניג פון עמלק,
דער ווייט-באַרימטער הערשער אין קייטן געשמידט,
ווי אַ בלייך-געוואָרענער שטראַל, אַ פאַרלאָשענער שטערן.

צעשפּילט זיך די זון אויפן מערב-האָריזאָנט
פּאָר די פריילעכע, פלאַמענדיקע אויגן פון שאולן,
פּאָר די אויגן די פאַרלאָשענע פון געפאַנגענעם קעניג —
פּאַלן אירע אָוונטלעכע, פרעכטיקע שטראַלן
ווי גאָלדענע קראַנצן אויף די שלייפן פון זיגער,
ווי פייערדיקע שלאַנגען אַרום האַלדז פון באַזיגטן.

צעגיסט זיך אַ פויגל אין די צווייגן פאַרבאָרגן,
צעסודעט זיך דאָס גראָז פון אַרומיקע פעלדער,
און ס'זינגט דער בין-השמשות זיין ליד דאָס פאַרבענקטע —
פּאַלן די עכאָס פון די אָוונטלעכע טענער,
ווי אַ פריילעכער טריומף-רוף אין אויער פון דעם זיגער,
ווי אַ בליי-שווערער אורטייל אין אויער פון באַזיגטן.

פּאַלט-צו די נאַכט אויף דעם חיל דעם מידן,
און שטערן אומצייליקע גלאַנצן-אויף אין דער בלויקייט,
ווי לאָקנדע פלעמלעך דעם וואַנדעדער אין סטעפּ —
ווינקט גילגל פונוויטנס, ווי אַ פריילעכע בשורה
מיט פאַקלען געצונדענע אויף הייזער גלייכדאַכיקע,
מיט פלאַטערנדע פענער די זיגער אַנטקייגן.

דער קעניג רייט אַריין אין די אויסגעצירטע טויערן,
מיט אויסשריי און זיג-שאַל און פאַקלען באַגריסט,
אויף די הענט פון דער יוגנט געהויבן, געטראָגן,
און די בערג אַרום גילגל שאַלן-אויף פון דעם יובל,
און די לופט-וועלן צעטראָגן דעם אויסרוף ווייט, ווייט —
זאָל לעבן דער זיגרייכער יידישער קעניג!

שמואל

ביי די טויערן פון רמה, צום וועג אַרויס נאָענט,
אין אַ בליענדיק גערטל שטייט אַ הייזל אַ ווייס,
פון צעדערן און פּאַלמען באַשיצט און באַשאָטנט;
פרייליך־שפּאַצירנדע, פאַר דעם הייזעלע גייענדיק,
האַלטן איין זייערע שטימען און שעפּטשען מיט כּבוד:
דאָ וווינט שמואל, דער נזיר, דער שופט, דער נביא.

שוין האָט די נאַכט אַ שטילע, אַ בלאָע
די נידריקע הייזלעך פון רמה באַדעקט,
באַלד וועט דער טויערמאַן די טויערן פאַרשליסן,
און טרוים וועט פאַרזונקען די פאַרשלאָסענע שטאָט —
גרייזער נביא! ווער האָט היינט דעם שלאָף דיר גערויבט?
וועמען דערוואַרטסטו אַזוי שפּעט אויפן אָפענעם וועג?

אומזיסט שרעקט דיין האַרץ אויפן אויסגאַנג פון שלאַכט,
עס קלינגט אויף די בערג שוין דער שאַל פון נצחון,
וואָס ישראל האָט געהאַט אין דעם שלאַכט מיט עמלק,
אָבער דער קעניג מיט ווייַן פון נצחון באַטרונקען,
האָט דיך, הויפּט פון נביאים, פאַרגעסן אינגאַנצן,
קיין רייטער נישט געשיקט, קיין לויפער צוגעשיקט.

ערשט נישט לאַנג דו אַליין האָסט רעגירט מיט דעם פאָלק,
דו אַליין אים צו שלאַכטן געפירט קעגן שונא,
און דו אַליין, נישט קיין אַנדערער, גאָטס וואָרט אים אַנטפּלעקט,
ווען ביסט אַלט געוואָרן, שוואַך, אום דאָס פאָלק צו באַהערשן,
דיינע זין אויך נישט ראוי דיך פאַרטרעטן צו קענען,
האָט דיין פאָלק דיר באַפוילן, זאָלסט אַ קעניג אים געבן.

נישט ווייניק האָט דיין האַרץ דאַן געוויטיקט פאַר חרפּה,
קיין שטראָף־רייד נישט קאַרגנדיק די פאַררעטער די פאַלשע,
אָבער דאָס פאָלק האָט געיובלט: מיר ווילן אַ קעניג!
זיין ענוות צוליב האָסטו שאולן געוויילט,
האָסט געהאָפט, ער וועט דאַנקבאַר געהאָרכיק דיר זיין,
אָבער באַלד נאָכן זאַלבן איז ער אַנדערש געוואָרן.

אַזוי האָט אויך דער אויסגעוויילטער קעניג, דער שטאָלצער
פון דיר זעלבסט דער געזאַלבטער, דיין אָנזען פאַרשוועכט,
פאַר דעם קאַמף מיט די פּלשתים אויף די פעלדער פון מכמש
זעלבשטענדיק דאָס היל צום שלאַכט פעלד געשיקט,
אַליין די קרבנות צו גאָט געלאָזט ברענגען,
דעם נביא פאַרגעסן, זיין ראָט און זיין ברכה.

אָט שלייכט נאָך אַן אָרעם פאַרשפּעטיקטער וואַנדערער
פאַרן שליסן די טויערן קיין רמה אריין,
נאָך אים פאַלן צו די טויערן פון שטאָט;
אָבער האָט ער דער אָרעמער שטויביקער שלייכער
די פאַרשווונדענע זון אין זיין מאַנטל באַהאַלטן,
און טאָג און דערוואַכונג קיין רמה געברענגט?

דען אויך זקנים ווייס-בערדיקע האָבן דערוואַכט פון דעם שלאָף,
אויף דעם פריילעכן יובל פון דער שפּרינגענדער יוגנט,
וואָס טאַנצט אין די גאַסן מיט אַ שאַלנדיק ליד:
אַ מעכטיקער קעניג שטייט אין שפּיץ פון ישׂראל!
שרעקט אייך, פּלשתּים! ציטערט, עמונים!
באַזיגט איז עמלק, זיין קעניג געפאַנגען!

לאַנגזאַם ווערט דער יובל אַלץ זעלטענער, שטילער,
און די שטאָט דרימלט-איין אין שטילקייט פון נאַכט.
נאָר ווייט ביי די טויערן שטייט אַ הייזל אַ ווייס,
אין זיין איינזאַמקייט יאָמערט אַ באַליידיקטער נביא,
און דאָס קול ווערט פאַרשוווּנדן, מישט זיך אויס אין דער נאַכט
מיט דעם שאַקאַל-געוויין אין די נאָענטע מדבריות.

גילגל

גאַנצפרי האָט היינט גילגל דאָס שלאָף-בעט פאַרלאָזט,
און מיט אויגן באַהויכט נאָך פון טרוים פון דער נאַכט
צו די אָפענע, אויסגעפוצטע טויערן געצויגן.
קומען מענער און ווייבער דעם קעניג באַגריסן,
קומען יידישע טעכטער די זיגער צו זען,
וואָס האָבן זייערע מיידלשע חלומות געשפונען.

שוין שטייען הויך-האַלזיקע גאַרביקע קעמלען,
פון שיין-שלאַנקע בליענדע רייטער באַזעצט,
ווי דערפרייענדע שליחים צום אָפרייטן גרייט,
אָט קומט אויך דער הויכער, שיין-געוויקסיקער שאול,
פון זיין נאַכטלעך געלעגער צום חיל אַרויס,
אין די וויינ-ראָזע שטראַלן פון מאָרגן געוואַשן.

אַ מינוט ווערט פאַרשוויגן דער פויגל אין וואַלד,
בלייבט שטיין אין זיין לויף דער גאָלדענער הערש,
און שפיצט אָן זיין אויער דאָס קול צו דערכאַפן,
דער פאַסטעך זיין הילצערן פייפל מאַכט שטיל,
לאָזט אָפ אויף אַ ווײַלע זיין בליק פון דער סטאַדע,
דאָס יובלדיקע עכאָ אין רוים צו פאַרנעמען.

גריסט צוריק זיך דער קעניג צום יובלדיקן פאָלק,
דאַן לענקט ער זיין קעמל מיט קעניגלעכן שטאָלץ,
דער ערשטער דאָס אויסגעפוצטע טויער צו פאַרלאָזן.
אָבער פאַרוואָס ציט ער פּלוצים די צוים צו זיך צוריק,
און פאַרהאַלט אויף די רייען פון דעם חיל די גלייכע
אויף די קעמלען די הויכע צום אָפּרייטן גרייט?

גראָט-אויף פאַר די טויערן אַ ווייס-האָריקער זקן,
שווייגיק און מאַט פאַרן קעניג דעם צעשמייכלטן,
ווי אַ גראָע סוף-נאַכט פאַרן אויפברוך פון מאָרגן, —
ווען אַ פאָרכטיקע שטילקייט ציט אַדורך דורכן וואַלד,
און עס שווייגט דער באַיאָרנטער אויסגעקרומטער בוים,
און עס שווייגט אויך דאָס יונגיטשקע בליענדע געשפּראָץ.

שטייגט אָפּ פון זיין קעמל דער קעניג דער שלאַנקער
און דערנענטערט זיך שטיל צו דעם גרייז דעם פאַרוואָלקנטן
און זיין קול רעדט עניוותדיק, צאַרט צו דעם נביא:
וואָרים דערשיינסטו מיר צאָרניק, ווי אַ וואָלקן אַ שוואַרצער?
גאָטס באַפעל און געבאָט האָט מיין האַרץ נישט פאַרגעסן,
אויך אין פרייד פון נצחון, וואָס ער האָט אונז געגעבן.

שטורמיש, ווי דאָס קול פון אַ שאָרווענדיק וואַסער,
ווי דאָס קראַכן פון דונער אויף בליצן געטראָגן,
ברעכט-אויס דאָס וואָרט פון באַליידיקטן נביא:
דעם שונא צו טייטן האָט גאָט דיר באַפוילן,
און דו פירסט אים געפאַנגען לויטן מנהג פון די שטאָלצע,
דיין נאָמען צו גרייסן און דיין רייכטום צו מערן!

ענִיוּותדיק ענטפערט דער קעניג דער יונגער:
נישט מיין נאָמען צו גרייסן און מיין רייכקייט צו מערן
פיר איך דאָס ביסעלע פיינטלעכע רויב —
דאָס פאָלק אין זיין פרייד און אין דאַנק צו יהוהן,
האָט בלויז נאָר די פעטסטע פון די רינדער געפאַנגען,
מיט געזאַנגען און תפילות אויפן מזבח זיי צו ברענגען.

שטורמענדיק ענטפערט דער באַליידיקטער נביא:
קיין עולה, קיין חטאת קענען די זינד נישט פאַרווישן
פון אַ גאָטלאָזן קעניג מיט גאוות איבערפולט!
און הער אויס גאָטס וואָרט, דו, קעניג פון ישראל!
פאַרמיאוסט איז מיר שאול פאַר אַ פאַסטעך פון פאָלק,
אַ צווייטער, אַ בעסערער זאָל מיין סטאַדע איבערנעמען.

און ווי אויף שטורמען געטראָגן דערנענטערט זיך דער נביא
צום געשמידטן, געפאַנגענעם קעניג פון עמלק,
וועלכער פילט שוין זיין גרויליקן ביטערן סוף;
אויף צווייען צעשפאַלט ער זיין ריזיקן קערפער,
דאַן קערט ער זיך צוריק דאָס טויער צו פאַרלאָזן,
ווי אַן איינגעשטילטער ווינט נאָכן דערפילטן שליחות.

ביי דער זוים פון זיין מאַנטל האַלט דער קעניג אים צו
און בעט אים דערשראָקן זיין זינד צו פאַרגעבן,
זיין קעניגלעכן שפראָך אַזוי יונג נישט צערייסן,
אָבער די זוים פון זיין מאַנטל בלייבט איבער ביים קעניג —
אַזוי האָט אויך גאָט דיין קעניגרייך צעריסן! —
שרייט אויס דער נביא, און פאַרשווינדט פון די טויערן.

נבואה

עס פעלט נישט קיין רו אויך אין חלל דעם באַוועגלעכן:
ווען די בערג־שפּיצן באַגילדענדיק ברעכט־אויף דער באַגין,
מעג דאָס ווינטל דאַן פלּיסטערן אין גערויש פון די בלעטער,
דאָס טייכל מעג רוישן אין זיין וויגל זיך שפּילנדיק,
אויך די לערכע מעג זינגען, די קוקו מעג רופן,
דאָך רויק איז דאַן און פייערלעך־שטיל.

אין אָוונט־צייט אויך, ווען די גאָלד־פאַסן פון דער שקיעה
פלאַטערן, ווי בענדער אין די צעפּ פון אַ געליבטע,
ביז מאַטלעך ווערט דער הימל פון לבנה־שערפּ באַזילבערט,
מעג דאָס אָוונט־ווינטל איינרוימען זיין סוד צו די שטערן,
די נאַכטיגאַל מעג זינגען איר ליד דאָס אַלפּרעכטיקע,
דאָך פילסטו דאַן שטילקייט און זילבערנע רו.

בייטאָג אויך, ווען ס'איז הייזעריק די שטאָט פון געפּילדער,
פון די קרעמערס באַהערשט, זייערע בענדער און קרעלן,
פאַרלאָז דאַן די שטאָט און צום דערפעלע ווענד דיך,
מעג די פאַסטעך־בייטש קנאַלן אויפן בערגל דעם גרינעם,
מעגן זינגען די שניטער זייער אַרבעטס־ליד דאָס מידע,
דאָך פאַרנעמסטו די שטילקייט אויף די זון־צעגליטע פעלדער.

אָבער אַמשטילסטן איז די שעה, ווען דער שטורעם פאַרשווינדט,
פון גאָלד-באַזוימטע וואָלקנס רוקט די זון זיך אָפּער,
זייער גראַקייט באַגילדנדיק, צערטלעך זיי גלעטנדיק,
ווי אַ גאָלד-בלאָנדע פאַסטעכין אירע שעפּעלעך די קליינע,
זילבער-טראָפּן טריפן די פריש-באַגריגטעביימער,
און דאָס פויגל-געזאַנג לאָזט זיך הערן אויפסניי.

צו אַזאַ רויקע שעה איז דאָס געמיט געווען ענלעך
פון דעם נאָר-וואָס צעשטורעמטן און באַרויקטן נביא;
ווען ר׳האָט רמה פאַרלאָזט, קיין גילגל צו ציען,
האָט זיין צאָרן זיך צעשטורעמט און געבריזט אין זיין האַרץ,
ווי עס ווילדעוועט דער סאַמום אין דער וויסט-געלער מדבר,
יעדן אַקער-פעלד אַ שונא, יעדן מענטשלעכן ישוב.

נאָר ווען אויסלאָזנדיק דאָס האַרץ אויפן קעניג דעם שטאָלצן,
האָט ער גילגל פאַרלאָזט אום קיין רמה צו ציען,
האָט דער צאָרן זיך געלייגט, דאָס געמיט זיך פאַרוואַנדלט.
ווער וואָלט טראַכטן געקענט, אַז מ׳קאָן שרעקלעך זיין דער זקן,
וואָס וואַנדערט אַזוי שטיל אויף זיין שטעקן געלענט,
יעדן פאַסטעך באַגריסנדיק, יעדן שניטער אין פעלד.

ערגעץ-ווו האָט נאָך אָפּגעהילכט ווי אַ דונער זיין שטים,
ערגעץ-ווו האָט נאָך אָפּגעגלאַנצט ווי אַ בליץ זיין געשטאַלט,
און עמעצער האָט געציטערט פאַר זיין שווער וואָגיק וואָרט,
אָבער זיין בליק, איצט געזעטיקט פון פרידן און שלוה,
געלייטערט, ווי דער הימל נאָכן שטורעם דעם ווילדן,
פרייט זיך מיט דער וועלט איצט, ווי אַ קינד אַן אומשולדיקס.

װען ר׳האָט רמה דערגרייכט, זיין הייזל באַטרעטן,
האָט די קעניגין-נאַכט די װעלט שוין באַהערשט,
דאָס געמיט פון דעם נביא מיט הייליקייט פאַרװעבט;
װאָרן װוּנדערבאַר שיין זענען די נעכט אין דעם לאַנד,
װי אַ גאָט װאָלט אַראָפּגענידערט אין תכלת געהילט,
און פאַרייניקט אויף אייביק די ערד מיט די הימלען.

אין אַ נאַכט אַזאַ באַזוכט אויך זיינע הייליקע גאָט:
אַ װינטעלע רױשט און זיי הערן זיין שטים,
אַ װאָלקנדל שװעבט און זיי זעען זיין געשטאַלט —
און װען דאָס האַרץ גייט זיי אויף פון זיין אָטעם באַהױכט,
דערפילן זיי זיין גלעט און זיי הערן אים דייטלעך:
אַזאַ גלעט האָט דערפילט היינט דער ערשטער פון די נביאים.

װען ייִנגערהייט, ר׳האָט באַדינט דעם כהן פון שילו,
איז אַ נבואה אים באַפאַלן שוין, דערפרייט און דערשראָקן:
עלי איז געשלאָפן אין דעם צימער דעם צװייטן,
און ער אין דעם היכל דעם הייליקן און שטילן;
אויפן געלעגער שוין ליגנדיק האָט ער עמעצן דערהערט
ביים נאָמען אים רופן און אַ זיסקייט דערפילט...

היינט אויך איז אויפגעגאַנגען דאָס האַרץ פון דעם נביא,
און אַזוי האָט ער דערהערט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט:
פעלט אַ פּאַסטעך אין כנען, װאָס איז אונטערטעניק, פרום?
איז דען בית-לחם די שטאָט נישט גענייגט צו דיר, נביא?
איז ישי דער גרייז נישט דיין האַרציקסטער פריינט?
און זיין זינדעלע דאָס ייִנגסטע איז ער נישט װערט דען מיין ליבע?

*   *
*

ווי די קוועלעכלעך, וואָס ריזלען איבער די פעלזן די גראָע,
צווישן די בערג פון דעם חרמון ביים אַלטן לבנון,
האָט אַריינגעקוואָלן די נבואה אין זיין האַרץ דעם פאַרשמאַכטן;
דען בית-לחם איז דאָך ליבער פון אַלע שטעט פון יהודה
מיט איר גלויבן דעם פרומען און פאַסטעכער-עניוות
און איר טרייקייט צו אים, דעם אַלט-געוואָרענעם פאַסטעך.

און צווישן די לייט פון בית-לחם איז אַמליבסטן דאָך ישי:
זייער פריינטשאַפט האָט אויפגעשפּראָצט אין די בלי-טעג די יונגע
און וואָרצלענדיק געוואַקסן ביז אין עלטער דעם גראָען;
ישיס זין אויך, ווי פאַסטעכער פרידלעכע, שטילע,
האָבן ליבפול, מיט כבוד באַגעגנט אים שטענדיק,
און דוד אַממייסטן, דער יונגסטער און צאַרטסטער.

און ווען גאָט האָט דעם קעניג דעם שטאָלצן פאַרמיאוסט,
אום אַ פרומערן, שטילערן די סטאַדע איבערצוגעבן,
האָט ער דודן אים אָנגעוויזן, דעם זון פון זיין פריינט —
געלויבט איז יהוה, דער טרייסטער דער גוטער,
פון הערצער דערשלאָגענע, געמיטער באַליידיקטע,
זיין נביא דערהערנדיק, האָט ער טרייסט אים געפליסטערט.

בית־לחם

וווהין איילט דער פרידלעכער צוג אַזוי פרי?
די רויט־שפּראָצנדע יוגנט אין פריש־גרינע קראַנצן,
די זילבער־בערדיקע אַלטע — פון שיינעם בית־לחם?
וועמען קוקן זיי אויס אין פרימאָרגיקן טוי־גלאַנץ?
דורך די צאַרט־ראָזע נעפּלען אויף די בונטיקע פעלדער,
אויף דעם זאַמדיקן פוס־וועג, וואָס שנירלט פון רמה?

דאַרף שאול דאָ אין זיין קריגערישן פּאַנצער אַדורכגיין?
מיט זיין בלוטיקער שווערד פון שלאַכט־פעלד אַלס זיגער,
מיט דעם לעבעדיק־געפאַנגענעם קעניג פון עמלק?
קומט אָן דער צוג פון די יידישע העלדן?
רייטנדיק שטאָלץ אַרום דעם פיינטלעכן רויב,
ווי בראָנזענע זיילן אַרום חורבות געפאַלענע?

נישט דעם זיגרייכן קעניג דערוואַרט יעצט בית־לחם,
אויך נישט דעם צוג פון קיין העלדן און זיגער,
אין ראָזיקן גלאַנץ פון דעם צאַרטן באַגין —
דער נביא קומט אָן. דער געטלעכער אַלטער,
שטיל ווי דער סוד, וואָס שוועבט אין פרימאָרגן,
ווי די ערשט־געבוירענע זון אויפן מזרח דעם העלן.

ציט צוריק דער צוג דורך די גאַסן פון בית־לחם,
די רויט־שפּראָצנדע יוגנט אין פריש־גרינע קראַנצן,
די זילבער־בערדיקע אַלטע אַרום געטלעכן מאַן —
קניט יונג און אַלט פאַר דעם גאָט־באַהויכטן זעער,
לאָזן יידישע טעכטער די שלייערס זייערע פאַלן
און קושן שטומערהייט די טריט פון דעם נביא.

עס באַגריסן אים אויבעט די פרידלעכע הייזלעך,
די געצעלטן פון יעקב אין ווייסן געקאַלכט,
און שטילערהייט שעפּטשעט דאָס מויל פון דעם נביא:
זייט געבענטשט, איר הייזלעך נידריקע, פרומע,
אַזוי שטיל און געהאָרכיק וועט זיין אויך דער קעניג,
אונטער אייערע רויקע דעכלעך דערצויגן.

❁ ❁

❁

דער טיש איז געגרייט אין דעם הויז פון זיין פריינט,
ישי דער גרייז זיצט רעכטס פון דעם נביא,
וואָס שעפּטשעט אין אויער אים אַ הייליקן סוד:
אַלע דיינע זין ברענג אַהער דאָ פאַר מיר,
דען איינעם פון זיי האָט גאָט מיר באַפוילן,
אין דער שטיל אַלס קעניג צו זאַלבן.

און אַלע זיבן זין גייען אַדורך פאַר דעם נביא,
שטאַרק ווי די צעדערן אין אַלטן לבנון,
פלינק ווי דער הערש אויף די בערג פון יהודה,
פּאַסיק אַלע זיבן צו דער קרוין פון אַ קעניג;
דאָך זיכער און רואיק קלינגט דאָס וואָרט פון דעם נביא:
נישט זיי האָט יהוה געוויילט.

פון גראָזיקן פעלד ווערט דער אַכטער גערופן,
אַ שעפּערל אַ יונגס נאָך מיט בעקלעך גערויטלטע,
מיט אַ פּאַסטעכער-לידל אין מויל:
אָ, די שעפּעלעך מיינע! כ׳האָב אַליין זיי געלאָזן,
אַ הונגעריקער וואָלף קאָן זיי פּלוצים באַפאַלן,
און ווער וועט דאַן העלפן די שוואַכע?

דו וועסט זיי העלפן! — רופט אויס דער נביא —
די אומשולדיקע שאָף קעגן בלוטיקע וועלף,
דיינע ברידער אין שלאַכט קעגן מעכטיקע שונאים,
מיט קעניגן-זאַלב מאַך איך פייכט דיינע גלידער,
און זאַלב דיך אויף אייביק אַלס פּאַסטעך פון פאָלק,
מיינע שוצלאָזע לעמער צו הילף.

בלייב דאָך...

ווער ווייסט נישט דעם פרידן פון פריש־יונגן פּאַסטעך,
צווישן פרידלעכע, שפּרינגענדע שעפּעלעך צאַרטע,
אויפן גראָזיקן באַרג ביי דעם מורמלענדיקן קוואַל?
אָבער ווער ווייסט דעם שטורעם פון דעם יונג־צאַרטן האַרץ,
ווען צו גרויסקייט דער דראַנג ציטערט אויף אין זיין בלוט,
מיט דעם געטלעכן צוזאָג פון אַ נביא גענערט?

ס'איז פּשוט דער טרוים פון אַ פּאַסטעך־נשמה:
איבערן איינפאַכן בעט שפּרייט זיך ראָזע דער הימל
ווי אַ גאָלדענער אָפּשיין פון זוניקע טעג;
אַנדערש איז דער טרוים פון דעם קריגער און העלד:
שלאַכט־פעלדער זעט ער אויך אין נאַכטלעכן דרימל,
ווי אַ קופּערגעם אָפּשיין פון בלוטיקע טעג.

אין זיין איינפאַכן בעטל ליגט דוד, דער פּאַסטעך,
פיל־פאַרביקע בילדער שוועבן דורך זיין געמיט,
אויף אומזעבאַרע פליגל פון טרוימען געטראָגן:
שטייט אַ הייזל אַ ווייס אויף אַן אָפן ברייט פעלד,
אַרום הוירן סטאַדעס אין זייד־ווייכן גראָז,
אין פאַרנאַכטיקן גאָלד פון דער זון דער פאַרגייענדער.

אָבער פּלוצים מיט רויש איילט אַ וואָגן פּאַרביי,
פון אַ קריגער אַ פלינקן געלענקט און געטריבן,
פאַר דעם רויקן פרידלעכן גאָט-געבענטשטן פעלד;
ציטערט עס אויף, ווי ביים קראַך פון אַ דינער,
דאָס געצעלטל פּאַלט איין, די שפּעלעך לויפן
פאַר דעם שטורמישן קנאַל פון דעם בליציקן רייטער.

אָבער באַלד קומט אַ יונגעטשקע ווייס-וואָליק שעפּעלע,
וואַרפט זיך פאַרן וואָגן פון רוישיקן פאָרער,
און זיין זאַנפט-שטילער בליק רעדט אַזוי צו דעם קריגער:
בלייב דאָך, אָ, רייטער, אויף דער גאָט-געבענטשטער לאָנקע!
צו שנעל לויפט די באַן פון די שטורמערס די פלינקע,
און פּאַלטש איז דאָס גליק פון געפּאַנצערטע העלדן.

מיטן אויפברוך פון טאָג שטייט אויף אונזער פּאַסטעך,
לויטער און פריש פון זיין איינפאַך געלעגער,
צו די פעלדער, די גרינע, גייט פאַר אים די סטאַדע,
שוועבער-טרעטנדע רינדער, לייכט-שפּרינגענדע שאָף,
די האַלדז-גלעקלעך קלינגען לויטן טריט פון דעם גאַנג,
און עס פייפט אויס דער פּאַסטעך זיין ברייט-האַרציק ליד.

אַ טויט דעם לייב

די גאָלד־געקרוינטע זון גייט אויף אויפן מזרח,
גייט אויף איינדערשטיל, ווי אַ פּערעלע טוי,
אַ ליכטיק געפּיל אין האַרץ פון דעם פּאַסטעך,
זינגט די לערכע דאָך שיין — זינגט דאָס טויזנט מאָל שענער,
פליט אַ שוואַלב גענוג הויך — פליט דאָס אָן אַ שיעור העכער,
אין אומענדלעכן רוים פון דער פּאַסטעך־נשמה.

ווי אַ ליכטיקער ים פּאַליעט שטיל זיך די לאָנקע,
באָדן זיך מילך־ווייסע שעפּעלעך אין גרינקייט,
און דאָס פייפל פון פּאַסטעך שאַלט העכער און העכער:
זיי געבענטשט גרויסע וועלט אָן אַ סוף, אָן אַן אָנהויב!
אַלץ וואָס איז ווייט, אַלץ וואָס איז נאָענט,
הויך־פליענדע זון, יעדעס שטויבל אויף דר'ערד.

זיצט אַ לייב אין דעם שכנותדיקן בוים־געדיכטן וואַלד,
הערט ער דאָס ליד פון דעם פּאַסטעך דעם גוטן,
זעט ער די אומשולד פון לעמעלעך ווייסע,
פלאַמט־אויף באַלד זיין שטאָלענער גיריקער בליק,
ברילט־אויף באַלד זיין לעכצנדיק רויבער־געבריל,
אויף די פרידליכע, צאַרטע אין טרוים־גליק פאַרזונקענע.

דערהערן די שעפעלעך דאָס געבריל פון דעם רויבער,
ציטערן זיי אויף און טוליען זיך צוזאַמען,
ווי זייד-ווייסע ליליען אונטערן מעסער פון גערטנער,
ווערט שטיל אויף דאָס איינפּאַכע פּייפל, דאָס זיסע,
אויף דאָס פּאַסטעכל, דאָס צאַרטע, ווערט בלאָס ביי דעם אָנבליק
פון דעם פאָרכטלעכן לייב ביי דעם ברעג פון דעם וואַלד.

מעקעט-אויף אין דער סטאַדע דאָס שעפעלע דאָס יונגסטע,
דאָס סאַמע יונגסטע און צאַרטסטע פון אומשולדיקע שעפעלעך,
און זיין קולכל דאָס זאַנפטע רעדט אַזוי צו דעם רויבער:
וואַרף אַראָפּ דיינע מעסער-שאַרפע, דראָענדיקע קראַלן,
מאַך זאַנפטער דיין גרין-פלאַמיק פייער אין בליק,
און קום אַלס אַ פריינט צו דער לאָנקע דער גרינער —

ברילט-אויף דער לייב אויף דעם צאַרטן באַשעפעניש:
איך וויל מיינע מעסער-שאַרפע קראַלן נישט וואַרפן,
און וויל אַלס פריינט אויף אייער לאָנקע נישט קומען,
אין שניי-ווייסער אומשולד מיין לעבן פאַרברענגען,
מיט זיסע געבעטן די ליפּן פאַרזיסן,
מיט ווייכעטשקע גראָזן מיין מאָגן צו שפּייזן.

דערנענטערט זיך דאָס ליד פון פּאַסטעך דעם גוטן,
בונטיק אין ליליע, אין ראָזע געהילט,
און זיין געטלעכער הויך רעדט אַזוי צו דעם לייב:
אַ ליכטיקע זון טויכט אויף פון דעם מזרח,
באַגילדט אונז דעם הימל, באַגילדט אונז די ערד,
באַגילדט אונזער אייגענעם האַרצנס-פאַרלאַנג.

בריל־אויף דער לייב אויפן גאָט־באַהויכטן פּאַסטעך:
עס פאַנגט נישט מיין האַרץ קיין שום גאָלדענע זון,
קיין זילבערנער שטערן, קיין בונט־פאַרביק ליד —
כ׳וועל בעסער דעם דאָרשט מיט שאָפן־בלוט שטילן,
די מעסער־שאַרפע נעגל אין פלייש לאָזן זינקען —
אַן אמתער גליק פון די ראָזע חלומות.

שוועבט צוריק דאָס ליד אַזוי שוואַך און פאַרוואַנדלט,
ווי אַ מאַט־בלאַסער אָפּגלאַנץ נאָך אַ טאָג אַ פאַרגאַנגענעם,
און געבראָכן באַליידיקט רעדט עס שטיל צו דעם פּאַסטעך
עס לאַכט־אויס דער לייב דאָס גאָלד פון דיין גליק,
און וויל זיינע מעסער־שאַרפע קראַלן נישט טוישן
אויף קיין ראָזיקן הימל, אויף קיין זילבערנעם שטערן.

דעם פייל און דעם בויגן כאַפּט האַסטיק דער פּאַסטעך,
מיט כּעס איבערפולט פאַר זיין ליד דאָס פאַרשעמטע,
מיט הייליקן אייפער די סטאַדע צו רעטן —
מיט איינמאָל פאַרלעשט זיך זיין בליק דער גרין־פלאַמיקער,
ברעכט זיך דער שטאָלץ פון דעם לייב דעם בלוט־דורשטיקן
וואָס שטירצט אַ פאַרבלוטיקטער ביים זוים פון דעם וואַלד.

און די גאָלדענע זון לאַכט אַראָפּ פון דעם הימל,
אויפן גראָזיקן ים טאַנצט פריילעך די סטאַדע
און דאָס פייפל פון פּאַסטעך שאַלט העכער און העכער:
אויך אין שאָטן פון טויט האָב איך גאָרנישט קיין מורא,
דער אַלמעכטיקער שטייט ביי דער זייט פון דעם שוואַכן
ביים אומשולדיקן שאָף קעגן בלוטיקן לייב.

יונתן

ווי אַ פינצטערע נאַכט איבער דער מדבר דער וויסטער,
אַזוי הוירט דער אומעט אין האָרץ פון דעם קעניג.
אומזיסט נאָר צעפלאַמט זיך די זון פאַר איר שקיעה,
איר טאָג איז פאַרביי און דער גורל באַשטימט, —
אַזוי האָט אויך גאָט זיין נביא דערהערט,
דעם גורל באַשטימט פון דעם קעניג דעם שטאָלצן.

אָבער פונקט ווי דער ערשטער זאַנפט-אָוונטלעכער שטערן,
וואָס דערשיינט ווי אַ טרייסטער דעם שטאַרבנדן טאָג,
אַזוי האָט דעם קעניג אַ שטערן געוווּנקען —
שענק גאָט מיט דיין חסד דעם שטערן צו באַזינגען,
זיין גאָלדענעם ווינק אין דער פינצטערער נאַכט,
דיין וועזן צו באַזינגען, אָ, יונתן ליבער!

מוטיקער ווי אַלע האָסטו געקעמפט אין די רייען,
דאָך שטילער ווי וואַסער האָט דיין עניוות געשעפּטשעט;
און כאָטש גלייך מיט דיין פאָטער פון נביא געשאָלטן,
האָט דיין גוטקייט, די געטלעכע, אויך די קללה באַזאַנפטיקט,
און ווי באַלזאַם און האָניק האָט דיין טרייסט זיך געגאָסן
דעם צעשראָקענעם קעניג אין די טונקעלע שעהן:

פאַרטרייב נאָר דעם אומעט, מיין האַר און מיין פאָטער!
דען ווי צאָרניק ס׳איז יהוה אין זיין מעכטיקן כעס,
איז אים ליכטיק דאָך שטענדיק די פאַרבאָרגניש פון האַרץ;
דער נביא האָט דעם צאָרן פון גאָט דיר געברענגט,
פון זיין גוטקייט און חסד זאָגט מיין האַרץ דיר נביאות:
ביז דעם גרייז-גראָען עלטער וועט דער סצעפטער דיר בלייבן,

און איז די קרוין פון מלכים נישט לאַנג אונז באַשערט,
דאַן קענען מיר ווי פריער אין אונזער איינפאַכקייט לעבן,
אויך פאַר איינפאַכע מענטשן איז דאָס לעבן באַשאַפן;
אָפט געזעלט זיך די זאָרג צו די אָנגעזעענע, גרויסע,
און דאָס בלימל פון לעבן צעשענקט זיינע דופטן
דעם באַשיידענעם פאַסטעך אויף די פעלדער די גרינע.

אַזוי גיסט זיך זיין טרייסט, ווי דער היילזאַמסטער באַלזאַם,
ווי דאָס זילבערנע שטערן-ליכט נאָך זונען-פאַרגאַנג
צום בלייכן, דערשראָקענעם נאַכט-אומהילטן קעניג.
אָבער טויזנטער געשפענסטער יאָגן נאָך דעם דערשראָקענעם
אויך אין ליכטיקן שיין פון דעם שטראַלנדיקן טאָג
און ווייניק וואָס העלפט דאַן די האַרציקסטע טרייסט.

עס ראָטן דאַן די עלטסטע אַ פאַסטעך צו רופן,
וואָס ווייסט ווויל אויף פידל און פייפל צו שפּילן,
די טונקעלע שעהן פון קעניג צו דערפרייען —
דען וועלטן פון פרייד ליגן אין זיין פייפל,
טייכעלעך רוישן, לעמעלעך שפּרינגען,
און אַ לעבן אַ נייס שטראָמט אַרויס פון זיין ליד.

אויפן באַשלוס אָבער פון אַלמעכטיקן קאָן זיך קיינער נישט קלײַגלען !
דען וויל ער באַנאַרישט ער די עצה פון קלוגסטן
און די שיינבאַרע הילף ווערט צום שאָדן פאַרוואַנדלט,
אויך יעצט פאַלט דער גורל דאָס פאַסטעכל צו רופן,
וואָס אַ גרעסער שליחות האָט אים גאָט איבערגעגעבן,
ווי אַ שפּילער צו זיין ביי אַ מרה־שחורהדיקן קעניג.

פרימאָרגן

מיט פאַרטאָגיקער בלויקייט איז דאָס פעלד נאָך פאַרהילט,
דען נאָך האָט דער מזרח מיט זיינע ראָזיקע פינגער
די נאָך דרימלענדע ערד פון איר שלאָף נישט געוועקט, —
אַזוי וואַרט אויך פול ליבע דער חתן, דער דערוואַכנדער,
נאָך דער חופה-נאַכט דער ערשטער זיין כלה-ווייב צו וועקן,
וואָס שלאָפט נאָך אין גליקזעליקן טרוים לעבן אים.

אָבער דער מאָרגן, ווי דער אָוונט, אַלץ קומט אין זיין צייט,
אויך די טרוימען פון מענטשן גייען אויף און פאַרגייען
געענוי לויטן ווילן פון אַלמעכטיקן יהוה;
אויך יעצט פאַרשווינדט לאַנגזאַם די פאַרטאָגיקע בלויקייט,
און דער ראָזער באַגין אין טויען געוואַשן
טויכט אויף פון דעם מזרח אין זיין פורפורנעם מאַנטל.

פריער קומט ער צום בעטל פון רויט-באַקיקן פאַסטעך;
לייכטיטשקע צאַרט איבערוועקט ער זיין שלאָף
און גלעטנדיק שעפטשעט ער אין אויער אים די ווערטער:
שטיי אויף ישיס זון! דיין בעט פאַרלאָז, דוד!
שוין וואַרטן די רינדער אין דער שטאַל אויף זייער פירער
און די לעמעלעך צאַפלען צו דער לאָנקע דער ברייטער.

בליק-שנעל פאַרלאָזט ער זיין איינפאַך געלעגער,
דאָס פאַסטעכל דאָס לייכטע פון מאָרגן געוועקט,
באַלד קנוילט זיך דער שטויב פון פאָרויסגייענדע סטאַדעס,
צוזאַמען מיטן פריילעכן ליד פון דעם פירער
צו די גאָלדענע וואָלקנס, וואָס שוועבן אין רוים,
און טראָגן די בשורה פון אַן אויפגייענדער זון.

שפּעטער ערשט קומט ער צום בעט פון דעם קעניג,
דאָס ערשטע מאָל וועקט ער אַ צווייט און אַ דריט מאָל,
ביז בלענדנדיק רעדט ער אַזוי צו דעם הערשער:
צו לאַנג ביסטו געשלאָפן, אָ, קעניג פון ישראל!
דאָס פאַסטעך-ליד קלינגט שוין פון לאַנג אויף די פעלדער,
און עס הוירן די סטאַדעס אונטער זיין וואַך געטריי אויג.

ווייטיק-פול פאַרלאָזט זיין געלעגער דער קעניג,
דען מיט שרעק האָט ער פאַרנעמען דעם גרוס פון דעם מאָרגן,
ווי אַ געטלעך באַשטעטיקונג צו דער קללה פון נביא.
ביים פענצטער דאָן שטעלט ער זיך דער טרויעריק-פאַרטראַכטער,
זעט די זון אַ צעשטראַלטע אין סאַמע גלאַנץ פון איר אויפגיין,
זעט אַ וואָלקנדל אַ לייכטס פאַרבייגיין און פאַרשווינדן.

אין דערבייאיקן ראַט-זאַל וואַרט אויף אים אבנר,
דער הויפט פון דעם חיל, און די עלטסטע פון פאָלק;
דען ס׳געשיקט זיך פאַר אַ קעניג מיט די קלוגע צו ראָטן
וועגן וויכטיקע זאַכן פאַרן וויל פון דעם לאַנד:
דאָס חיל באַזאָרגן, די גרענעצן היטן
און מענטשן פאַרגלייכן אין זייערע טעגלעכע קריגערייען.

אָבער אומזיסט נאָר דערוואַרטן אים מיט ערפורכט די אַלטע,
נאָר אבנרן, זיין קרוב, האָט ער צו זיך געלאָזט רופן
און האַלב-בעטנד, האַלב-באַפעלנד אַזוי אים געזאָגט:
פאַרטרעט מיך היינט, אַבנר, אין ראָט פון די עלטסטע,
דען ווידער איז מיין האַרץ מיר באַטריבט און דערשראָקן,
און כ׳פיל נישט קיין כּוח איצט צו לענקען און ריכטן.

און עס ענטפערט באַשיידן אבנר זיין הויפּט-העלד:
ס׳האָבן געראָטן די עלצטע אַ פּאַסטעך צו רופן,
וואָס ווייסט וווּיל אויף פידל און פייפל צו שפּילן,
פאַרגעסן דיך צו מאַכן אָן דיין טרויעריק געמיט.
ס׳איז נישט שווער אין אונזער לאַנד אַזאַ איינעם צו געפינען,
אויך ישיס זון, דער יונגסטער, ווערט גערימט מיט זיין שפּילן.

דאַן פאַרלאָזט ער מיט ערפורכט דעם נאַכט-אומהילטן קעניג
נאָכדענקען וועגן דער עצה פון זיין קריגס-העלד דעם טרייען.
אויף אַ ווײַלע איבערשטאַרקט ער זיין טרויעריק געמיט
און אַ האָפענונג אַ בייזע צאַפּלט אויף אין זיין האַרץ;
דאַן לאָזט ער צוויי רייטער אין צעלט אַריין רופן,
און באַפעלנדיק זאָגט זיי און מונטער דער קעניג:

רייט אַהין קיין בית-לחם צום גרייז-גראָען ישי,
רעדט צו אים פריינטלעך, באַגריסט אין מיין נאָמען,
און זאָגט אים — אַזוי האָט דער קעניג געזאָגט:
דיין זונדעלע, דאָס יונגסטע, שיק באַלד מיר אַהער,
וועלכער פּאַשעט די שאָף אויף די לאָנקעס די גרינע,
און וואָס ווייסט אַזוי וווּיל אויפן פידל צו שפּילן.

ישי

ווי פלייסיקע מוראַשקעס אַרום דער נעסט דער געליבטער,
טיילן די אַרבעט לויט אַ סדר אַ שטרענגן,
טייל שטרויעלעך שלעפנדיק די נעסט זיך צו בויען
און די אַנדערע זאָרגן וועגן שפּייז און געטראַנק,
אַלע אָבער צוזאַמען בויען פלייסיק זייער היים —
איז דאָס הויז אויך פון ישי צו אַזאַ נעסט געווען ענלעך.

ישי אַליין איז שוין געקומען אין די יאָרן,
די געריגצלטע הענט האָבן די קראַפט שוין פאַרלוירן,
ווי דער שטייגער ביי אַלטע, ווען זייער לעבנס־טאָג בליט אָפּ;
אָבער דער טאָג פון זיינע זין האָט ערשט אָנגעהויבן בליען,
האָבן דאָס הויז זיי באַזאָרגט, דאָס פעלד און דעם אַקער,
און דוד דער יונגסטער האָט געפּאַשעט די שאָף.

וועגן אַלע האָט געמעגט רויק זיין און זיכער דער זקן,
דען אַלע זענען זיי צוגעבונדן געווען צו זייער היים,
ווי וואָרצלדיקע טענענביימער אין אַלטן לבנון;
נישט אינגאַנצן באַרויקט האָט זיין זון אים דער יונגסטער,
פון יענער צייט אָן, זינט דער נביא איז געקומען,
פון דעם פעלד אים גערופן און אַ קרוין אים פאָרויסגעזאָגט.

נאָכן נביאס אַוועקגיין האָט ער דודן צוגערופן
און זיין האַרץ אים פאַרבאָרגנדיק אַזוי אים באַפוילן:
וואָס דער נביא האָט געזאָגט, איז נישט פאַר דיר צו פאַרשטיין,
און זיין זאָלבן דיך צום קעניג איז אַ פּרווו נאָר פון גאָט,
און דו היט מיר ווייטער די שעפעלעך אָפּ,
לאָז קיין איינס מיר נישט פעלן פון מיין צאָלרייכער סטאַדע.

און דאָס רויט־באַקיקע יינגל האָט דעם אָנזאָג פאַרנומען.
אָבער אינעווייניק טיף האָט ישיס האַרץ זיך באַוועגט,
נישט אָן ערנסט דערוואַרטנדיק דעם סוף פון דער זאַך,
טאָפּל ליב האָט ער געקריגן דאָס יינגל דאָס געראָטענע,
וואָס אַ גלאַנציקער שטערן האָט געלויכטן איבער אים
און די קרוין פון אַ קעניג אים צוגעווונקען פאָרויס.

אויף זיין לאָנקע דער גרינער פלעגט דער גרייז אים באַזוכן,
איינמאָל און נאָך אַמאָל האָט זיין האַרץ אים געצויגן,
צום גראָזיקן בערגל ווו דוד איז געזעסן —
אויף דער סטאַדע אים אויסגעפּרעגט, מאַנכעס שעפעלע געגלעט,
די וואָל אויף די שעפסן געשאַצט און געוווויגן,
פאַרבאָרגנדיק די ליבע צו זיין שעפעלע דעם נאָענטסטן...

אויך היינט איז אַרויסגעגאַנגען ישי צו זיין זון,
און פונווייטנס דערזען אַ זייל שטויב זיך דערהייבן,
און צווי רייטער פאַרשטויבטע צו זיין הויז זיך דערנענטערן.
אים דערזעענדיק אַליין האָבן די אייזלען זיי אָפּגעשטיגן,
מיט אַ פרייַנטלעכן טאָן דעם באַפעל איבערגעגעבן,
און שאולן דעם קעניג צו ישי פון בית־לחם.

און אַזוי האָט געענטפערט ישי צו די רייטער:
כאָטש אַ דערקוויקונג איז מיר דוד אויף די עלטערע יאָרן,
כאָטש דער יונגסטער איז ער מיר און דער ליבסטער פון אַלע,
צום באַפעל אָבער פון קעניג גיב איך גערן אים אָפּ;
קומט צו דער לאַנקע, ווו ער פּאַשעט מיינע שאָף,
ער וועט גיין אומפאַרזוימלעך קיין גבעה מיט אייך.

פון זיין גראָזיקן בערגל האָט זיך אויפגעהויבן דוד,
די פרעמדע דערזעענדיק פון פּאָטער געפירט;
דעם פּאַסטעך-שטעקן דעם גרויסן אין דער רעכטער האַנט האַלטנדיק,
אין דער לינקער דאָס פייפל, דאָס באַשיידענע, הילצערנע,
און פאַרווונדערט געקוקט, נייגעריקייט פול,
ביז דער פּאָטער איז צוגעקומען און אַזוי אים געזאָגט:

שאול דער קעניג רופט דיך צו זיין דינסט,
אויפן פידל אים צו שפּילן אין די אומעטיקע שעהן;
נעם אַ ציגעלע מיט, ברויט אויך מיט וויין,
בוק דיך פאַר אים און בענטש אין מיין נאָמען.
ווען וועסט פריי זיין פון דינסט, קום אָפּט צו רייטן,
נישט ווייט איז דער וועג פון בית-לחם קיין גבעה.

און אַזוי האָט ער אויסגעזען דוד אויפן אייזל,
פאַרן אָפּרייטן קיין גבעה פון דער סטאַדע דער היימישער:
ווי אַ הירש אַ געשיקטער אין באַגינען-ליכט דעם גאָלדענעם.
דער פּאָטער, אים נאָכקוקנדיק, האָט טיף זיך פאַרטראַכט
איבער די וועגן פון גאָט, וואָס זענען פאַרהוילן פון יעדן,
ביז דער שומר איז געקומען און די סטאַדע איבערגענומען.

אָוונט

די אָוונטלעכע שטילקייט רוט אויף די פעלדער
אַרום דער שטאָט גבעה, אויף די טאָלן די פלאַכע,
אָבער גבעה אַליין איז פון ליכט נאָך פאַרגאָסן,
די שטיינערנע דעכער זענען רויט נאָך באַלויכטן,
און יחוסדיק קוקט זי אַראָפּ אין דער נידער:
וווינט דאָך דער קעניג דאָ, דער זיגרייכער שאול.

אונטער דער שטאָט, אויף דעם וועג קיין בית-לחם,
שלייכט איינער אַרום מיט אַ ליידנדיק אויסזען,
דער קערפּער געבויגן, ווי פון לאַסטן געדריקט,
מיט וואַנזיניקן גלאַנץ אין בליק דעם אומרויִקן,
לאַנג-פּיסיקע שאָטנס בלאָנקען אויף די פעלדער
און יאָגן אָן שרעק אויף זיין אומעטיק פּנים.

אַ מידער פון וואַנדערן רוט ער אויף אַ שטיין
און קוקט שטומערהייט אויף דער גסיסה פון טאָג,
ביז אַ פאַרמאַטערטער דרימלט ער איין אין דעם אומעט;
אָבער באַלד קומט דער טרוים ווי א ריז אַ פאַרבישופטער,
פירט אים אין געבערג און אין תהומן אַוועק
האַסטיק און שנעל, ווי אַ חלום נאָר קען.

אַט שטייט ער אויף פרייע פריש־באַגרינטע לאָנקעס
און ער פּאַשעט מיט פרידלעכער רויקייט די סטאַדעס,
ער איז גליקלעך אַזוי און די וועלט אַזוי שיין,
פּלוצים צעשטראַלט זיך גין־גאָלדיק זיין מזל,
זאַלבט אים צום קעניג, צום גרעסטן פון פאָלק,
און אַ מוט פון אַ הערשער גייט אויף אין זיין האַרץ.

אַט יובלען די מאַסן און שאַלן אים אַקייגן.
ווען ער קערט צוריק פון שלאַכט מיטן קעניג דעם געפאַנגענעם
און דער הימל אַליין זינגט אַקייגן דעם זיגער,
אָבער פּלוצים ווערט שטיל, דער נביא דערשיינט,
זידלט אים העפטיק אין די אויגן פון פאָלק,
רייסט די קרוין אים אַראָפּ און טרעט מיט די פיס זי.

און לאַנג וואָלט געמאַטערט דער צעווילדעוועטער חלום
דעם איינזאַמען קעניג אויפן נאַקעטן שטיין,
אָבער רייטער־טריט נאָענטע האָבן אויפגעוועקט דעם שלאָפנדן,
האָט ער אויפגעריסן די אויגן מיט שרעק איבערפולטע;
די רייטער דערזעען פון די אייזלען אַראָפּשטייגן,
און דעם יונגען רויט־באַקיקן פּאַסטעך פון בית־לחם.

און איינער פון די רייטער האָט צום קעניג זיך דערנעענטערט
און אונטערטעניק שטיל אַזוי אים געזאָגט:
האָסט באַפוילן אונז, האַר, קיין בית־לחם צו רייטן,
צו ישין צו קומען און זיין יינגל צו ברענגען,
פון דער פרידלעכער לאָנקע האָט דער אַלטער אים אָפּגעשיקט
און אָט שטייט ער פאַר דיר שוין, צו דינען דיך גרייט.

באַכדענקענדיק אַ ווײַלע האָט דער קעניג זיך דערמאָנט
זײַן שמועס הײַנט מיט אבנרן, די עצה פֿון די עלטסטע,
זײַן אײַנדרימלען אויפֿן שטיין און זײַן שרעקנדיקן חלום,
האָט ער דודן צוגערופֿן, זײַן פּנים געגלעט.
אַהיים אים גענומען זײַן געמיט צו דערפֿרייען —
און גאָטס וואָרט צו באַשטעטיקן, זײַן נביא צוליב...

מיכל

צו דעם ביימעלע אין ווינטער פון שנייען פאַרשיט
און פון שניידיקע ווינטן און שטורמען געטרעסלט,
דאָך אינעווייניק טיף באַהאַלט עס זיינע זאַפטן
צו אַ גינסטיקערע צייט, צום פרילינג דעם שיינעם,
די זאַפטן אין קנאָספּן און בלומען צו פאַרוואַנדלען —
צו דעם ביימעלע גלייך איך דיך, מיכל, דו צאַרטע!

קליינערהייט האָט זי זאָרגלאָז אַרומגעטאַנצט אין די פעלדער,
צווישן די סטאַדעס פון איר פאָטער, ווי אַ שעפעלע אַן אייניאָריקס,
אויך קעניג־טאָכטער ווערנדיק איז זי איינפאַך געבליבן,
אָבער שפּעטער האָט זיין אומעט דערשראָקן איר געמיט,
ווי אַ יונגיטשקע פלאַנץ אין די האַרבסט־טעג די ערשטע,
וואָס יעדער ווינט־רויש דערשרעקט זי, יעדער וואָלקן דער גרויער.

אויך יעצט איז זי אַרויסגעקומען מיט אַ בליק אַן אומרויקן,
אויסקוקנדיק דעם פאָטער און ווינטשנדיק זיין צוריקקער,
אויך יונתן דעם ברודער, האָט זי באַגעגנט דאָרט, דעם טייערן,
פּאַמעלעך שפּאַצירנדיק אָן אַ ציל אַ באַשטימטן,
זענען צוזאַמען זיי געגאַנגען פּאַמעלעך און שווייגיק,
נישט אויסזאָגנדיק קיינער די זאָרג פון דעם האַרץ.

און מיט פרייד האָבן ביידע זייער פּאָטער דערזען,
און דאָס פּאַסטעכל דאָס פרישע דערלעבן אים נאָכגיין,
דאָס אייזעלע פירנדיק, דאָס פייפעלע האַלטנדיק;
אים זעענדיק האָט יונתן אַן אַ פּעלד זיך דערמאָנט,
און מיכלען איז אויפגעגאַנגען דאָס האַרץ ביי זיין אָנבליק,
ווי דער גרוס פון אַ מאָרגן נאָך אַ נאַכט אַן אומרויקע.

און אין אָוונט, ווען דוד פּלעגט שפּילן פארן קעניג,
האָט אַ טיר זיך געעפנט פון אַ צימער אַ דערבייאיקס,
אַן אויג האָט געבליקט און אַן אויער האָט געלוישט,
ביז ס'איז איינגעשלאָפן דער קעניג פון די טענער פאַרוויגט,
האָט דאָס צימער זי פאַרלאָזט, צום שפּילער זיך דערנענטערט,
איר מיידלשן סוד און איר פרייד אים פאַרטרויט.

אָבער שפּעטער, ווען אויך מיכל איז אוועק אין איר צימער,
האָט ער לאַנג נאָך געוואַכט, אין די גאַסן שפּאַצירט,
דען ר'האָט ליב געהאַט צו וואַנדלען אַליין אין די נעכט,
אויפן הימל צו קוקן, אויף די גאָלדענע שטערן;
טיילמאָל קיין בית-לחם האָט ער געווענדט זיינע טריט,
די זייניקע געגריסט און צוריקגעקערט צום קעניג.

זאָרג

נישט אומזיסט ביסטו באַליבט געוואָרן אין אַ צייט אַזאַ קורצע,
פּאַסטעכל באַשיידנס, אין הויז פון דעם קעניג,
נישט אומזיסט קלאַפּט יונתנס יונג־איידל האַרץ
מיט ליבע צו דיר, ווי אַ יונג־צאַרטער ברודער, —
האָסט דעם פּאָטער אים צוריקגעקערט פון אַ שיפּס־ברוך אַ שרעקלעכן,
פון מרה־שחורה־זומפּן טיפע דאָס געמיט אים געראַטעוועט.

אויך אבנר דער שטרענגער קוקט ליבלעך דיך אָן
און די עלטסטע פון ראַט שמייכלען דיר האַרציק,
אָבער אָפּגעזונדערט פון אַלע, ווי פון כישוף באַצויבערט,
פלאַטערט דיר אַקייגן מיכל די ריינע;
פּאַסטעכל, זאָג מיר: צאַפּלט דיין האַרץ אין דיר אויך,
אָדער רוט עס ווי פריער נאָך אין זיין גאַנצקייט און שלוה?

אויב אַזוי וואָלט איך געראָטן דיר אַהיים צו גיין צוריק,
דען דיינס האָסטו אָפּגעטון און אַ דאַנק דיר אַ גרויסן,
און כאָטש ס'ליבן דיך אַלע, קוקן גנעדיק דיך אָן,
דאָך וועלן זיי נישט שטערן דיר אַהיים צו ציען צוריק,
דיינע לעמעלעך צו פּאַשען אויף די פעלדער פון בית־לחם,
אָבער זאָג מיר נאָר, פּאַסטעך, איז דיין האַרץ דיר נאָך גאַנץ?

כ'וועל לייגען פון דיין פנים דעם שטאַנד פון דיין נשמה:
די אויגן די לויטערע זענען פאַרנעפּלט אַצינד
און די ליפּן — האַלב אָפן צום געזאַנג שטענדיק גרייט —
עקשנותדיק פאַרשלאָסן ווי צום שווייגן פאַרשווירן,
דיין קאָליר אויך די פרישע איז בלייכער און מאַטער —
מיר דאַכט זיך, אָ, פאַסטעך, דיין האַרץ איז פאַרוואַגדלט.

ווי לאַנג דען — ווי ביסט שלוהדיק אויף דיין בערגל געזעסן,
די וועלט ווי אַ טעפּיך דיר צופוסנס געלעגן
און שניי-ווייסע שעפּעלעך געשפּרונגען אַרום דיר.
נאָר דיין בייטש-קנאַל האָט צעריסן ווען די שטילקייט אַרום,
דער „מע!" פון אַ שעפּעלע, דער פּישטש פון אַ פויגל,
און דיין האַרץ האָט גערוט, ווי דער הימל איבער דיר.

ווי לאַנג דען? — איבער די פרידלעכע פעלדער פון בית-לחם
איז געפלאָסן דיין נשמה, ווי אַ טייכל אַ קלאָרס,
ווי אַ קוועלכעלע אַ זינגענדיגס אין די טענער פון דיין פידל.
די נאַטור האָט דיך אויסגעוויילט איר זינגער צו זיין,
און דער אומעט איז פאַרשווונדן ביים קלאַנג פון דיין האַרף, —
ראָך זאָג מיר, מיין פאַסטעכל, איז דיין האַרץ דיר נאָך גאַנץ?

האָסט שאולן געהיילט און ער דאַרף דיך נישט מער;
וואָלט נישט גלייך געווען זאָלסט אומקערן צוריק צו דיין סטאַדע?
מאַנכעס געשאַנק וואָלסטו מיטגענומען אַלס דאַנק און באַלוינונג,
דיינע חברים, די פאַסטעכער, וואָלטן מקנא געווען גענוג,
וואָלסט מתנות געוויזן און מיט חשיבות דערציילט
פון קעניג, דעם חיל און די האַרן די גרויסע.

אויב קענסט אָבער נישט אומקערן צו דיין סטאַדע ווי פריער,
אויב עמעצער האָט געפאַנגען דיך אין קעניגלעכן הויז,
און דיין האַרץ וועט דאָ בלייבן אויך ווען דו וועסט אַוועקגיין,
און כאָטש די שעפּעלעך זאָלן שפּרינגען אַזוי פריילעך ווי פריער,
וועלן זיי דעם פּאַסטעך שוין מער נישט דערפרייען —
וואָס־זשע וועט זיין דאַן, יונג פּאַסטעכל? וואָס וועט דאַן זיין?

אַ געגעזעגנער האָט צוריקגעקערט שאול צו דעם סצעפּטער,
אַ פאַרוואַנדלטער האָט צוריקגעקערט דוד קיין בית־לחם,
פאַרזאָרגט האָט אים ישי באַטראַכט און געפרעגט,
פאַרוואָס איז ער מאָגערער און דאָס פּנים פאַרבלייכט;
שווייגנדיק פון שומר האָט ער די סטאַדע איבערגענומען,
צו די לאָנקעס געפירט און צו די שפּרודלדיקע קוואַלן.

בענקשאַפט

איך בּאַשווער אייך, איר פרידלעכע פעלדער פון בית-לחם,
איר זאָלט קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענע ראָזיקע מאָרגנס,
ווען דאָס פּאַסטעכל דוד האָט די סטאַדעס דאָ געפיטערט.
אויב שפּעטער האָבן מלכים דאָ דורכגעצויגן גרויסע
און נביאים האָט איר דערצויגן און געטער אַפילו —
דאָך, פעלדער, איר פרידלעכע, פאַרגעסט נישט יענע מאָרגנס.

דען כאָטש זיי זענען אויפגעגאַנגען שטילע באַזאַכטע
פון קיין קריג-ליאַרם געוועקט, פון קיין וואָפן-געוויש,
נאָר ווי קינדער געבוירענע אין שויס פון דער בלאָקייט,
דאָ און דאָרט נאָר האָט אַ קוימענדל געוויכערט אַ פרידלעכס,
און אַ פּאַסטעכל האָט אָנגעצויגן מיט זיין סטאַדע פּאָרויס —
פונדעסטוועגן פאַרגעסט נישט יענע מאָרגנס, איר פעלדער.

ווידער האָבן אָפּגעשאָלט יענע זעלטענע טענער
פון צוריקגעקערטן פּאַסטעך — אָבער טרויעריק און באַנג,
פאַרוואונדערט האָבן די פּאַסטעכער זיך איינגעהערט פרעגנדיק:
פאַרוואָס שפּילט ער אַזוי טרויעריק דוד אונזער חבר?
דען זיי האָבן אים דערקענט אין די טענער די זיסע
און געגאַרט אים צו זעען און אים רעדן צו הערן.

און בייטאָג, ווען פאַרחלשטע האָבן די רינדער געהוירט
און מיט בּרייט־געעפנטע אויגן די פאַסטעכער געבעטן,
צום טייכעלע גאַרנדיק, צום וואַסערל דעם קילן,
און די פאַסטעכער פאַרשטייענדיק האָבן לאַנג נישט געוואַרט,
די סטאַדע פאַרזאַמלט, די אייזלען באַשטייגנדיק, —
האָבן זיי דודן געטראָפן ביים קוואַל מיט זיין סטאַדע.

פונוויטנס אים זעענדיק, האָבן זיי אויסגעשריגן פריילעך,
און ער, ביי די קאָרטע די שאָף זיינע פּאָיענדיק,
האָט אויפגעהויבן די אויגן און טרויעריק געשוויגן,
נישט לאַכנדיק אַקייגן אויפן רוף פון די פּאַסטעכער,
נאָר שווייגיק די הענט געדריקט און ווייטער געפּאָיעט,
און אויך די פאַסטעכער פאַרשעמטע האָבן ברוגזדיק געשוויגן.

וואָרן דוד האָט נישט געדאָרפן אַזוי ווירדיק זיך האַלטן!
אמת טאַקע, אַז ישי איז זיין לייבלעכער פאָטער,
און אמת אויך, אַז דער קעניג האָט רייטער אים געשיקט,
אין זיין פּאַלאַץ אים גערופן צווישן די האַרן די גרויסע,
און ר'האָט זאַכן דאָרט געזען גאַנץ וווּנדערלעכע, שיינע,
פונדעסטוועגן דאַרף ער נישט שווייגן אַזוי ווירדיק!

דערפאַר זענען זיי ברוגזדיק געשטאַנען ביי די קאָרטעס
און צאָרנדיק האָבן מאַנכע געוואַרט אויף זייער ריי;
און ווען עמעץ, לאַנג וואַרטנדיק, האָט צוגעאיילט דעם חבר,
די קאָרטע אים פריי צו לאָזן פאַר די דורשטיקע שאָף,
האָט, פּאָיענדיק ווייטער, זיין חבר אים געענטפערט:
ביסט אין גבעה נישט געווען נאָך! וואַרט אויף דיין ריי!

געוויס האָט עס דוד געהערט און פאַרשטאַנען.
איז עס ווירדע געווען אָבער זיין שווייגן, אָדער גאוה?
ער איז טרויעריק, דערשלאָגן און קאָן נישט פרייען זיך ווי זיי.
זאָל ער דערציילן פון פאַלאַץ, וואָס איז אַ שטייג אים געוואָרן?
דערום האָט ער אומעטיק זיין סטאַדע פאַרזאַמלט
און פאַרשלאָסן אין זיך צו זיין בערגל אַוועק.

און שפּעטער האָבן טענער אַדורכגעשניטן די לופט,
טרויעריקע, בענקענדע, ווי קינדער פאַרבלאָנדזעטע;
די שעפּעלעך אָבער האָבן אַרומגעטאַנצט מונטער
צווישן רינדער שווער־באַוועגלעכע, ציפּנדיק דאָס גראָז;
ביז ס׳איז אָנגעקומען דער אָוונט און די אייביקע פאַסטעכין
איז אַרויס אויפן הימל מיט אירע שאָף די גאָלד־זילבערנע.

גלית

ווי וועלף-מחנות צערייצטע פון יעגער געיאָגט,
פאַרלאָזן דעם וואַלד אין די היילן אַנטלויפנדיק,
פון די פיילן פאַרווונדעט, פון איבערמאַכט געדריקט —
פון די היילן דאָך לויערן זייערע אויגן די רויטע,
אויסקוקנדיק אַ מינוט דעם פאַרפאָלגער צו באַפאַלן:
אַזוי האָבן געלויערט אויך די שונאים פון ישראל.

נאָך האָט שאול נישט אויסגערוט נאָכן קאַמף מיט עמלק
און שוין האָבן פאַרזאַמלט זיך ביי דער גרענעץ די פלשתים,
דעם נביאס קללה פאַרנעמענדיק, זיין שנאה צום קעניג.
באַוואָפנט און באַפּאַנצערט האָבן זיי דראָענדיק אַראָפּגעקוקט
פון דעם באַרג-לאַנד דעם הויכן צו די טאָלן און לאָנקעס,
ווי לייבן הויכמוטיקע, צום אַראָפּשפּרונג געוואָגט.

אויך שאול האָט איילנדיק פאַרזאַמלט זיינע מחנות
אויפן פעלזיקן באַרג, קייגן איבער די פלשתים,
און אַ גרינגענדער טאָל האָט דאַצווישן זיך געצויגן;
דערווייל האָט די רו נאָך געהערשט אין די לאַגערן,
די רויכלעך די ווייסע זענען אויפגעגאַנגען רויק,
און די פייערלעך ביינאַכט האָבן שטיל נאָך געפינקלט.

אין דער צייט האָבן פאַרגרעסערט זיך די יידישע רייען,
דען ווהין ס'האָט דערגרייכט נאָר דאָס קול פון מלחמה,
האָט יעדער זיין ווייב פאַרלאָזט, זיין פאָטער און מוטער,
און אַהער דאָ געצויגן זיינע ברידער צו הילף,
אויך ישיס דריי זין זענען געקומען פון בית-לחם:
אליאב און שמה און עמינדב דער יונגסטער.

וואָך אויף שוין, דו נידערגעשלאָגענער קעניג דערשראָקענער
און זע, ווי עס איילט זיך דאָס פאָלק דיר צו הילף,
ווי עס איילן די שטראָמעלעך פון די בערג צו די טאָלן,
ווי שעפעלעך געהאָרכיק צום רוף פון דעם פאַסטעך;
אין גילגל געווען, דעם נביאס קללה פאַרגעסן,
און קומען דאָך ווידער. — אָ שאול וואָך אויף!

אומזיסט נאָר געהאָפט צו באַזיגן דיך איצט,
אומזיסט זיך פאַרזאַמלט ביי דער גרענעץ פון יהודה,
פאַרשעמט פון זייער באַרג קוקן אַהער די פלשתים,
ווי די רייען ווערן גרעסער און שעפטשען דערשראָקן:
ס'איז ליגנט דער רוף, וואָס איז דערגאַנגען צו אונז,
אַז געלעמט שוין איז שאול, פון נביא פאַרשאָלטן.

שטאַרק ווי אַ לייב און זאַנפט ווי אַ טויב,
גייט יונתן אַרום צווישן די מחנות די פאַרזאַמלטע,
דערפרייט זעט ער צו די פאַרוואַנדלונג פון פאָטער,
ווי זיין בליק לאַכט אַקייגן דעם אָנציענדן חיל,
ווי ס'איז בלייך יעדער צאָרן קייגן חסד פון גאָט
און ווי יהוה איז גנעדיק, ווי יהוה איז גוט...

די פלשתים, דאָס זעענדיק, האָבן די עלטסטע פאַרזאַמלט,
די שטאַרקסטע פון חיל, די כהנים פון דגון,
אום צוזאַמען צו באַראָטן און קליג צו באַטראַכטן;
און ס'איז אויסגעפאַלן דער ראַט: זיך צוריקציען פאַר ישראל
און אָפּוואַרטן אַ צייט, ווען זיין אחדות וועט זיך שפּאַלטן,
דען נאָר דעמאָלט איז צו האָפן אויף זיג און נצחון.

דאַן איז אויפגעטרעטן פאַר די עלטסטע אַ ריזיקער פלשתי,
גלית גערופן און דער שטאַרקסטער פון אַלע,
זעקס איילן די הויך מיט אַ שפּאַן נאָך אַריבער,
פינף טויזנט שקלים די וואָג פון זיין פּאַנצער,
שיפּן-אַרטיק געפלאָכטן, אין קופּער-גלאַנץ שטראַלנדיק
און זעקס הונדערט שקלים די וואָג פון זיין שפּיז.

פאַר די עלטסטע זיך שטעלנדיק, האָט ער אָנגעהויבן אַזוי:
צי דערויף האָב איך מיין ווייב פאַרלאָזט, די קינדער די צופּהלעך,
מיין בעט דאָס בלאַנק-ווייסע, די לאָנקעס די גרינע,
מיינע שקלאַפינס די שיינע, די צאָלרייכע סטאַדעס,
בלייך צו ווערן פון שרעק פאַר די זין פון יהודה
און ווי אַ יינגעלע אַ שוואַכלינג אַוועקלויפן צוריק?

וואַרט איר געדולדיק! אַנטלויפט, אויב איר שרעקט זיך!
איך אַליין וועל אַרויס קייגן די רייען פון ישראל
און אויפפאָדערן איינעם ער זאָל וואַגן קייגן מיר,
מיט זיין שווערד מיך צו טויטן, אָדער דורך מיינע צו פאַלן,
דען איינצלנע אַנטשיידן דעם גורל פון פעלקער,
ווען אַלץ איז צעשראָקן, צו קעמפן אומוויליק.

און ס'האָבן שטיל געשוויגן אַלע פאַר דעם גבור דעם שטאָלצן,
באַוווּנדערנדיק יעדער זיין הויכמוטיק האַרץ,
ביז ס'האָט זיך אָנגערופן ענדלעך דער עלטסטער פון די כהנים:
דיין טוען איז באַוויליקט צו דגון אונזער גאָט.
כ'וועל דיך בענטשן אין זיין נאָמען, אַ קרבן אים ברענגען
און מאָרגן באַגינען וועסטו אויפּאָפּדערן דעם שונא.

און ביינאַכט איז דער יובל פון די פריילעכע פלשתים
צו די ביידלעך אַריבער פון דעם יידישן לאַגער,
אַוועקהויכנדיק דעם שלאָף, די זיס-זאַנפטע רו,
און באַגינען נאָך איידער די בלאָקייט איז פאַרשוווּנדן,
האָבן דורכמאַרשירט די מחנות פאַר שאולן, דעם קעניג,
פון אבנרן געאָרדנט און די עלטסטע פון חיל.

ווּ זענען זיי?

צו־לאַנג שוין פאַרברענגען זיי אויפן שלאַכטפעלד די מענער!
שטייען זיי, אויסקוקנדיק, די ווייבער די בלייכע,
ווען דער אָוונט פאַלט־צו פאַר די הייזלעך די ווייסע.
שוין צוויי מאָל איז אויפגעגאַנגען דער מולד פון דער לבנה,
און זילבערדיק געוואַקסן אין ליכט־שפע פליסנדיק
און שטאַרבנדיק לאַנגזאַם גייט ער ווידער שוין אויף.

שוין לאַנג געמעגט צוריקקומען פון שלאַכטפעלד די מענער!
עס מעקען באַגינען די הונגעריקע שאָף,
קלאַפּנדיק מיט די הערנער אָן די טירן פון די שטאַלן,
אין אָוונט קנאַקט דאָס פייערל אומרויק אויפן קוימען
און אַסך מאָל ביינאַכט ווייגט דער ווינט אַזוי שרעקלעך:
אַלס זיגער אָדער באַזיגטע — ווּ זענען זיי די מענער!

אויך ישיס ווייב די אַלטע, ביים שפּין־רעדל זיצנדיק,
האָט, וויקלענדיק דעם פאָדעם, גערעדט צו זיך זעלבסט:
לאַנג שוין אָוועקגעריטן די זינדעלעך, לאַנג,
שוין דער זעכציקסטער מאָרגן און מיין האַרץ איז אומרויק;
ביינאַכט האָב איך אומזיסט נאָר גערופן דעם שלאָף,
געטראַכט און געטראַכט און זיך גאָרנישט דערטראַכט.

אויף די שנירן זענען צוגעקומען, זיך געזעצט לעבן איר,
און אויסשטרעקנדיק די ברוסט צו איר קינדעלע דעם צאַרטן
איז די יינגסטע געזעסן און גערעדט צו דעם קליינעם:
מיט שאולן דעם קעניג, קייגן די שונאים די פלשתּים,
איז אַוועקגעריטן דיין טאַטע, אַזוי ווייט, אַזוי ווייט,
און פאַרגעסן דיך, עופהלע, פאַרגעסן דיך גאָר.

און דאָס קליינע, האָט די ברוסט-וואָרצל אָפּגעלאָזט די פולע,
געשמייכלט אַ ווייל צו דער פלוידערנדיקער מאַמען
און צוריקגעכאַפּט די ברוסט באַלד און ווייטער געזויגן,
ביז ס'האָט איינגעדרימלט שטיל, פון חלומות פאַרוועבט;
האָט די מוטער עס פאָרזיכטיק און לאַנגזאַם אַוועקגעלייגט
אויף דעם איינפאַכן בעטל און אָפּגעזיפצט טיף.

דערנאָך איז אַהיימגעקומען אַ צעשמייכלטער ישי,
מיט פרישקייט געגאַרטלט, פון פעלד-ריח באַהויכט,
און דערזען זיינע שנירן אַזוי שווייגנדיק זיצן,
און זיין ווייב ביי דעם שפּין-רעדל, זיפצנדיק אָפּט,
האָט ער פאַרשטאַנען זייערע הערצער, גערעדט צו זיי מילד,
בנעימות און שטיל ווי עס רעדן די קלוגע.

און ביינאַכט, ווען ס'איז אָנגעקומען דוד מיט דער סטאַדע
אין די שטאַלן זי געפירט און דאָס הויז איבערגעטרעטן,
האָט אים אָפּגעוואַרט ישי און אַזוי אים געזאָגט:
וועסט דיך פעדערן באַגינען און אויפוועקן דעם שומר,
אים די סטאַדע איבערגעבן, איבערציילנדיק אַלץ,
און וועסט רייטן צום חיל אויף די ברידער אַ קוק טוען.

שטיל האָט דאָס אויסגעהערט דאָס פּאַסטעכל דוד,
אויך דער אַלטער, אים געזעגנדיק, איז אַוועקגעגאַנגען שטיל;
און שפּעטער, ווען אַלץ האָט צום שלאָף זיך געגרייט,
האָט פול געמאַכט דוד זיין טאָרבע מיט זאַנגען,
מיט ברייטעלעך פרישע, מיט קעזלעך געשמאַקע —
די מתנה פון דער מאַמען פאַר די זין אויפן שלאַכטפעלד.

אַ נאַכט

פאַרגין מיר כאָטש איינמאָל אַ נאַכט אַזאַ, גאָט!
דער שלאָף זאָל פאַרהויכן פון איבערפלוס פון פרייד,
די ווירקלעכקייט פאַרשווונדן, פון פאַנטאַזיעס פאַרטריבן,
ווי אַן אויסשטראַל פון זינען זאָל גליען די נשמה
און שוועבן צווישן שטערן גאַנץ ווייט פון דער ערד, —
פאַרגין מיר כאָטש איינמאָל אַ נאַכט אַזאַ גאָט.

פיל וווּנדער געשעען אין די זעלטענע שעהן,
פיל ספקות צערינען, פיל פראַגעס אָן ענטפערס,
פיל וואָלקענעס שוואַרצע פאַרוואַנדלען זיך פריידיק,
ווינקנדיק ווי שטערן צווישן מילך־באַנען ווייסע;
ווי, צום געווילד, וואָס וואַנדלט אין דער שעה,
ס'ווערט באַפאַלן פון אַ שאָף און אויף אייביק באַזיגט...

אָן שמואלן געדענקענדיק, אָן נביא דעם טרייען,
האָט דודן אַזאַ נאַכט היינט געשאָנקען יהוה,
דאָס האַרץ אים געשטאַרקט, מיט מוט אים באַזעלט,
און דעם גייסט אים געוועקט צו מעשים גאָר גרויסע,
פון פאַסטער פאַרנעמענדיק, בית־לחם צו פאַרלאָזן,
אויפן שלאַכטפעלד צו ציען, האָט אויפגעוואַכט דוד.

ער וועט שוין נישט אומקערן, ווי אַ פּאַסטעכל אַן אָרעמס,
אויף די לאַנקעס די גרינע, די סטאַדעס צו פּיטערן,
אויפן בערגל צו זיצן, אויפן פייפל צו שפּילן;
אויפן בעטל איצט ליגנדיק צעשפּילט זיך זיין געמיט.
זעט ער דעם נביא צום קעניג אים זאַלבן,
הערט ער דאָס פאָלק, ווי עס יובלט אַרום.

אויפן בעטל איצט ליגנדיק זעט ער אויך מיכלען:
פאַר די אייגענע זיך היטנדיק שמייכלט זי אים האַרציק —
נישט די ברידער בלויז זען גייט ער אויפן שלאַכטפעלד,
ווען עס לייכטן די שטערן און עס שלאָפט נאָך בית־לחם;
דעם בויגן ציען קען ער, אַ שטיין וואַרפן אויך,
און ווי צו דעם יעניקן, וועמען זיין וואָרף איז געצילט.

ווי צו דיר, גלית, דו שטאַרקסטער פון די פלשתים!
רויק יעצט און זיכער רוסטו צווישן דער מחנה,
געלענט אויפן פּאַנצער, וואָס ליגט דיר צוקאָפּנס,
פאַרטרויט אויף דער שפּיז, וואָס שטעקט דיר דאַלעבן;
פערציק טעג שוין, ווי דו לעסטערסט די יידישע רייען,
אָבער דער איינאונפערציקסטער טאָג איז נאָך נישט אַדורך.

ווי צו דיר, גלית, גיבור פון די פלשתים!
די כהנים פון דגון באַפעלן אין זיין נאָמען,
זאָלסט אָפּשרעקן ווייטער די זין פון יהודה,
ביז אומקערן וועלן זיי דעם רוקן דיין פאָלק;
פערציק טעג שוין ווי זיי חנפענען, די כהנים די קליינלעכע,
אָבער דער איינאונפערציקסטער טאָג איז נאָך נישט אַדורך.

װײ צו דיר, גלית, דו ריז פון די פלשתּים!
ערגעץ פאַרלאָזט איצט, אויפן מאָרגן נישט װאַרטנדיק,
אַ פאַסטעכל אַ קלײנטשיקס זײן נאַכטלעך געלעגער;
עטװאָס װיכטיקס האָט ער פאָרגעמען געמוזט אין געמיט,
אויב ער לויפט אַזוי פרי אויפן װעג צו דעם שלאַכטפעלד,
װאָלסט דאָס צוגעזען, גלית, װאָלסטו געשמײכלט מיט ביטול.

אָבער לאַכט נאָר, איר שטאַרקע, אויפן אָרעם פאַרזיכערט,
פון פאַסטעכער זאַנפטע, פון די גאָלדענע חלומות!
אויב אין טונקל פון נאַכט, װען איר שלאָפט אַזוי זיכער,
װעט אײנער דערװאַכן פון דער שטילקײט געװעקט,
פון גאָט זעלבסט באַזעלט, פון הימלען באַשטערנטע,
װאָס באַטײט דאַן אײער װאָפן, אײער אָרעם, איר זעלבסט?

אַ פאַסטעך פון בית-לחם האָט די שטאָט איצט פאַרלאָזט,
די טאָרבע אויף די אַקסלען, דעם שטעקן אין דער האַנט,
פון די שטערן געלענקט, באַזעלט פון זײער װונק.
אײלט ער אין אַ דערפל אַ סטאַדע איבערנעמען?
צום שלאַכטפעלד גאָר לויפט ער גבורות צו װײזן —
פאַרגין מיר כאָטש אײנמאָל אַ נאַכט אַזאַ, גאָט!

אויפן שלאַכטפעלד

אַ פאַרוווּנדערטע קוקט היינט די זון אויף די בערג,
ווּ ס׳שטייען די מחנות באַוואָפנט און באַפּאַנצערט,
און אויפן טאָל אויך דעם גרינעם, וואָס ליגט זיי צופוסנס:
זעכציק טעג שוין, ווי זי זוכט אירע פּאַסטעכער די באַקאַנטע,
וואָס פלעגן דאָ הויערן צוזאַמען מיט די סטאַדעס,
איינגעשלאָסן פון שטיינערנע פעלזנבערג נאַקעטע.

זעכציק טעג שוין פאַרנעמט זי אַ רויש פון די בערג,
נישט קיין פּאַסטעכל זעט זי אַראָפּשטייגן אין טאָל,
נישט קיין סטאַדעס קיין ווייסע אים צופוסנס זיך קאָלערן.
אויפן צוואָנציקסטן טאָג האָט אַראָפּגעשטייגט עמעץ,
אָבער ווייט נישט קיין שעפעלע, וואָס בלאָנקט אין זיין ווייסקייט,
און אויך נישט קיין פּאַסטעך מיט זיין פייפל און טאָרבע.

פערציק טעג, ווי עס פאַלן אירע שטראַלן די פּרעכטיקע
אויף אַ ריז אַ באַפּאַנצערטן אין בראָנז און אין קופּער,
וועלכער שטייט דאָרט אין טאָל און לעסטערט יהוהן;
שפּאָט-אויס זיינע גלויביקע, די זין פון יהודה,
און רופט פון זייער מחנה אַן איינציקן מאַן,
וואָס זאָל וואַגן קייגן אים און באַזיגן אים קענען.

פון די זין אָבער פון יהודה, אַזוי שטאַרק אין דער מחנה,
ווען זיי קעמפן צוזאַמען אין נאָמען פון גאָט,
האָט קיינער נישט געוואָגט קייגן גליתן דעם שטאַרקן,
אין איינצל־קאַמף אויפצוטרעטן, די שלאַכט צו אַנטשיידן,
נאָר פאַרשעמטע זיך אָפּגעקערט, מיט געזוונקענע קעפּ,
די לעסטערונג הערנדיק פון דעם פיינט, דעם פלשתי.

אויך ישיס דריי זין, די געצעלטן פאַרלאָזנדיק,
זענען טרויעריק געזעסן אויפן פעלז פאַר דעם טאָל,
בליקנדיק מיט ווייטיק אויף דעם שטראַלנדיקן גלית,
אויף דער מאָרגן־זון, וואָס גלאַנצט אויף זיין שפּיז און זיין פּאַנצער,
און טראַכטנדיק פאַרשעמט, ווי דער מוט איז געזונקען
אין זיי, אין דער מחנה, ביים קעניג און די עלטסטע.

האָט זיך אָנגערופן עמינדב, דער יינגסטער פון די דריי:
ס׳קאָן דאָס האַרץ איינעם פּלאַצן פאַר ווייטיק און חרפּה,
צוקוקנדיק כסדר, ווי עס יובלט דער שונא
און פּראַלט מיט זיין שטאַרקייט איבער דיר און דיין שוואַכקייט;
הלוואי וואָלט איך קיינמאָל מיין הויז נישט פאַרלאָזט,
איידער אַזאַ חרפּה, אַזאַ טאָג צו דערלעבן!

אים געענטפערט האָט שמה, דער מיטלסטער פון די דריי:
וואַקלדיק איז דאָס מזל פון די מענער אויפן שלאַכטפעלד,
דער הייַנטיקער טאָג איז צום נעכטן נישט גלייך;
וויפל גליקלעכע טעג האָבן דורכגעלעבט מיר,
ציענדיק מיט שאולן, דעם שונא באַזיגנדיק —
שלעכטס איבערטראָגן — אויך דערצו מוז מען גרייט זיין.

זיי ביידע האָט געענטפערט אליאב דער עלטסטער:
היינט אַפילו וואָגן נישט די הינט, די פּלשתּים,
זייער חיל צו זאַמלען און אָפן צו קעמפן;
זייער שוואַכקייט צו פאַרבאָרגן האָבן זיי גליתן אַרויסגעשיקט.
אַזוי לאַנג שוין, ווי מיר הערן זיין לעסטערונג שווייגנדיק,
האַלטן פעסט דאָך דאָס פעלד און ועלן צוריק זיך נישט ציען.

אַזוי האָבן גערעדט די ברידער פון בית־לחם,
ביים פעלזן־ראַנד זיצנדיק, אַראָפּקוקנדיק אין טאָל.
עמינדב אָבער איז אויפגעשטאַנען, אין דער מחנה אַוועק,
דעם יובל נישט צו הערן, וואָס האָט טיף אים באַליידיקט.
האָט ער דודן באַגעגנט אין דער מחנה אַרומגיין
און האָט צוריקגעקערט באַלד, צו די ברידער אים פירנדיק.

אומזיסט אָבער פרעגן אַזוי באַזאָרגט אים די ברידער:
וועגן עלטערן, ווייבער, יעדן קינדעלע באַזונדער.
דאָס מאַנטל צעקנעפּלט, פון וועג נאָך פאַרשטויבט,
שטייט ער ביי די ברידער, דאָך ווייט פון זיי גאַנץ:
אין טאָל דאָרטן לעסטערט דער שונא און פראַלט —
ווער איז ער דער פּלשתּי! ווי וואַגט ער צו לעסטערן!

פונדערווייטנס נאָך שטייענדיק, ביי די הינטערשטע רייען,
ווו דער שפּייז־לאַגער געפינט זיך, ווו עס רויכערן די קיכן,
האָט ער אַלץ באַלד פאַרגעסן, דאָס שלאַכטפעלד דערשפירנדיק,
די זאַנגען אַוועקגעגעבן, די ברייטלעך און די קעזלעך.
יעצט שטייט ער פאַרן טאָל, ווו עס יובלט דער פּלשתּי,
און די ברידער, די קעמפער, פרעגן אויף ווייבער אים אויס!

אומזיסט נאָר האָט אֶליאבֿ, זיין האַסטיקייט זעענדיק,
מיט קאַלט-שטרענגע ווערטער זיין פייער געקילט,
אויף זיין יינגקייט אים אָנגעוויזן און באַפוילן אים בייז,
אַהיימצוגיין צוריק און די שעפּסן צו היטן.
צו דער מחנה געוועגדט האָט ער דאָס וואָרט געלאָזט פאַלן:
איך וועל שלאָגן דעם פּלשתי, דעם לעסטערער פון יהוהן!

און ווען עמעץ, דאָס הערנדיק, האָט דודן אָנגעקוקט,
זיין יינגקייט געזעען, זיין פּנים דאָס גלאַטע,
די אויגן די זאַנפטע, דעם יינגל-חן דעם צאַרטן,
און זיך גליתן דערמאָנט, דעם מעכטיקן ריז,
וואָס שטראַלט ווי אַ קופּער-באַרג אין גלאַנץ פון דער זון —
האָט ער דעם קאָפּ געלאָזט זינקען און אָפּגעזיפצט שטיל.

ווען יהוה אָבער פאַרלאָזט נישט, דער לאַכט פון געפאַרן,
און ווען יהוה האַרץ ער דערוועקט, קאָן פאַר גאָרנישט זיך שרעקן!
מעגן לייבן און בערן דעם וועג אים פאַרלויפן,
מעג איינזאַם ער זיצן אויף דעם שטיין-פעלז דעם נאַקעטן,
און כוואַליעס צעשטורעמטע צופוסנס אים שוימען —
ווען יהוה פאַרלאָזט נישט, האָט פאַר קיינעם נישט מורא!

זיג

וי אַ לייב אַ פאַרוואונדעטער אין די ווינטער־טעג די קאַלטע,
ברילנדיק פון ווייטיק, פון חרפה דערשלאָגן,
דעם פרילינג דערוואַרט ער, די זון די אַלצהיילנדע;
און ווען דער פרילינג שיינט אויף, זיינע וואונדן פאַרהיילן,
ווערט ער ווידער באַפאַלן, פון די יעגער געהעצט —
צו אַ לייב אַזאַ פאַרביטערטן איז שאול געווען ענלעך.

נאָך ווייניק פאַרהיילט געווען איז די וואונד פון זיין האַרץ,
וואָס ער האָט זיגנדיק באַקומען פון נביא דעם שטרענגן,
מיט נאַכט אים אַרומגעהילט, יעדע ליכט אים פאַרשטעלט.
אָבער גאָט דער גנצדיקער האָט זיין חרפה דערזען,
דורך אַ פאַסטעכל אַן איינפאַכס זיין הילף אים געשיקט —
אויך יעצט וואָלט שוין דערבאַרעמען געמעגט זיך יהוה!

פאַרן געצעלט זיינעם זיצנדיק צווישן אבנרן און די עלטסטע,
האָט ער בלייך און דערשלאָגן גערעדט ווי צו זיך:
אַז ס'זאָל זיך איינער דאָס געפינען אין מיין חיל דעם גאַנצן,
וואָס דאָס פראַלן פון שונא זאָל צעשטורמען זיין האַרץ,
אָנצינדן ווי אַ בליץ די געדאַנקען די פוילע,
קייגן גליתן צו קעמפן און די חרפה אונז אָפּטוען!

איז אָנגעקומען יונתן, צעשמייכלט ווי שטענדיק,
אין מאָרגן־ליכט געוואַשן פון חיל צו רייטן:
ער פלעגט אויסרייטן אָפט, אום די רייען צו באַזוכן,
דעם מוטלאָזן געשטאַרקט, מיט האָפנונג באַזעלט,
די שטימונג פאַרנומען, וואָס האָט געהערשט אין דער מחנה,
און צוריקגעקומען צו שאולן און אַלץ אים דערציילט.

פריער ווי געוויינטלעך איז ער געקומען היינט, דער ליבער,
און קיינער פאָטער זיך זעצנדיק אַזוי אים באַריכטעט:
פון בית־לחם די שטאָט צום שלאַכטפעלד אַהער
איז אַ פּאַסטעך געקומען, די ברידער באַזוכן,
נאָר די לעסטערונג הערנדיק פון גליתן דעם פּלשתי,
האָט זיין צאָרן זיך דערוועקט און ער וויל מיט אים קעמפן.

שאול, דאָס הערנדיק, האָט אויסגערופן פריילעך:
ענדלעך איז ער געקומען, דער אויסדערוויילטער פון אַלע,
וואָס כ׳האָב לאַנג אים דערוואַרט און אויסגעקוקט אומזיסט.
אַ פּאַסטעך אָדער אַ האַר – איך ליב אים אַלצאיינס!
כ׳וועל מיין פּאַנצער אים געבן, מיין שווערד און די שפּיז;
קומט אַלס זיגער ער צוריק, זאָל ער מיין טאָכטער אויך נעמען.

אַזוי האָט ער אויסגערופן, שאול דער דערפרייטער.
אבנר אָבער דער קלוגער איז שווייגנדיק געזעסן,
טראַכטנדיק שטיל, אַז דאָס מענטשן־האַרץ איז נאַריש,
אַז דאָס פּאַסטעכל פון בית־לחם איז אַ שוואַכלינג מסתמא,
פון יוגנט־מוט פאַרפירט נאָר און צו וואָפן נישט געוווינט,
און אַז שאול, אים נישט קענענדיק, פרייט זיך פריצייטיק.

צו דודן דערוויַיל האָבן די מוטיקסטע זיך באַהאַפטן,
זיין דרייסטקייט געליובט און זיין פייער צעבלאָזן;
דאַן האָבן זיי מונטער געפירט אים צו שאולן.
אָבער דאָ האָבן אַלע דאָס פּאַסטעכל דערקענט,
וואָס פלעגט שפּילן אַזוי שיין פאַרן קעניג דעם קראַנקן,
און אַלע האָבן פאַרווונדערט זיך אָנגעקוקט און שטום.

שאולן אויך, אים זעענדיק, איז די פרייד באַלד פאַרשוואונדן,
וואָרן אַן אַנדערן האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַלס העלד פון זיין חיל,
און דודן צורופנדיק, האָט ער אַזוי אים געזאָגט:
מיינסטו אויף אַן אמת דען צו קעמפן מיט גליתן,
אַזוי צאַרט ווי דו ביסט און צום קאַמף נישט געוווינט?
באַדענק דיך געלאַסן, ביז וואַנען ס'איז נאָך צייט.

דוד אָבער, דער פאַסטעך, האָט געענטפערט אַנטשלאָסן:
אין מיטאָג-צייט איינמאָל, ווען די סטאַדעס כ'האָב געהיטן,
איז געווילד מיך באַפאַלן, צוויי שעפּעלעך גערויבט.
פון מויל פון דעם לייב האָב איך צוריקגעכאַפּט איינס,
און טויטנדיק דעם בער, האָב איך דאָס צווייטע באַשערעמט —
אויך גלית וועט זיין, ווי איינער פון דיביידע.

שאולן, דאָס פאַרנעמענדיק, זיין גלויבן דעם טיפן,
האָט צוריקגעקערט די פרייד אויף זיין פּנים דעם בלייכן.
זיין פאַנצער דעם שייגעם דודן אָנגעצויגן,
זיין שווערד אים געגעבן, די שפּיז אויך די לאַנגע.
אים אָנקוקנדיק ליבלעך און צוגעבנדיק מוט,
האָט ער הארציק געבענטשט אים אין נאָמען פון יהוה.

אָבער דעם הירש דעם שנעל־לױפנדן איז איבריק יעדער רייטװאָגן,
און דעם אױסדערװײלטן פון גאָט איז יעדעס װאָפן גאַנץ איבריק.
אױך דוד, צוריקאױסטױענדיק דעם פּאַנצער דעם לעסטיקן,
האָט די פּאַסטעך־טאָרבע אָנגעטוען, דעם שטעקן גענומען,
מיט שטײנער שאַרף־שפּיציקע דעם שלײדער געלאָדן
און אַװעק אין דער מחנה, געזעגנט פון אַלע.

אבנר נאָר האָט געשװיגן און אַזױ זיך געטראַכט:
יעדע יוגנט איז טרוימעריש, פון װאָרהײט גאַנץ װײט,
נאָר די צאַרטיטשקע משוררימלעך גײען איבער שוין די מאָס.
כ׳װאָלט געשװוירן, אַז דער קאַמף מיטן לײב און דעם בער
איז פאָרגעקומען בײנאַכט, אױפן געלעגער דעם װײכן...
אַז ער האָט יעצט דאָ דערצײלט יענעם חלום דעם שײנעם.

דוד, אין באַגלײטונג פון די מוטיקסטע פון חיל
און פון יונתן דעם ליבן, האָט דעם באַרג־ראַנד דערגרײכט.
די באַגלײטער געזעגנדיק האָט ער שנעל זײ פאַרלאָזט,
האַסטיק, געװאַגט, װי אַן אָדלער אַ דרײסטער.
אַראָפּקומענדיק אין טאָל, האָט ער אַ װײל זיך אַרומגעקוקט
און מיטן שלײדער אין דער האַנט זיך צו גלית דערנענטערט.

דאָס חיל אין דער הױך דאָ, די עלטסטע, אױך שאול
זענען שװײגנדיק געשטאַנען, אַראָפּקוקנדיק אונטן
און הערנדיק יעדער אײנער דאָס קלאַפּן פון זײן האַרץ.
פון יענער זײט טאָל האָט זיך גלית דערנענטערט,
װי אַ קופּער־באַרג מעכטיק, אין זונען־גלאַנץ שטראַלנדיק,
און פון דער זײט דאָס פאַסטעכל, לײכט, אומבאַװאָפנט.

צוקומענדיק נענטער, האָט אויסגעשריגן גלית:
אַז אָנבייסן נישט קיין שלעכטס וועלן האָבן היינט די פייגל
פון דיר, אָ, מיין יינגל, אַזוי פריש נאָך און צאַרט!
פאַרשאָלטן איז שאול, זיין פאָלק אויך דאָס נאַרישע,
אַרויסשיקנדיק קייגן מיר, ווי קייגן אַ הינטל אַ בילנדיקס,
אַ יינגל אַ לייכטס מיט שטיינער באַוואָפנט.

אַזוי האָט ער אויסגערופן, גלית דער ריז.
און די פלשתים פון באַרג האָבן אויפגעיובלט הויך,
די יידן אָבער, דאָס הערנדיק, האָבן די פנימער פאַרשטעלט.
און נישט איינער פון דער מחנה איז אין ווינקל אַוועק,
מיט טרערן זיך ווערגנדיק פון באַליידיקונג און חרפה,
און מאַנכער האָט די ציין געקריצט, די פויסטן געבייַלט.

אליאב און שמה, דודס ברידער די עלטערע,
האָבן, שטייענדיק אין דער מחנה, געבעטן אין געמיט
און מיט קלאַפנדיקע הערצער אַראָפּגעקוקט אין טאָל.
דער דריטער אָבער, עמינדב, האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט,
דעם פאַל נישט צו זען פון זיין ברודער דעם יינגסטן,
וואָס דערנענטערט זיך, ווי אַ שאָף אין דעם לייבן-מויל דעם שרעקלעכן.

דאָרט שטייענדיק, האָט ער דייטלעך געהערט שוין דעם יובל
פון די זיגער די פלשתים איבער זיין פאָלק דעם באַזיגטן,
זיין מוטער געהערט אירע קלאָג-לידער וויינען
און זיין פאָטער דעם זקן זיינע קליידער זיך רייסן,
איבער דודן זיין יינגסטן, וואָס ער זעלבסט האָט גערופן
פון די פעלדער די פרידלעכע און צום טויט אים געשיקט.

אַזוי האָט ער ווייטיקלעך געאַנט אין זיין האַרץ,
צוגעבייגט אין אומרו זיין אויער צו דעם קאַמפּס־פּלאַץ
און שטיין געבליבן פאַרגאַפט, זיך נישט גלויבנדיק זעלבסט —
דאָך דער יובל אין דער מחנה ווערט שטאַרקער און שטאַרקער,
און אַ סך פון דעם חיל האָבן דעם באַרג שוין פאַרלאָזט,
באַכיאָגנדיק דעם פיינט איבער דעם פגר פון גליתן.

און נאָך קיינמאָל האָט דער הימל אַזוי ליב נישט געשמייכלט,
די זון די צעשטראַלטע אַזוי מילד נישט געלויכטן
און דאָס גראָז אין די טאָלן אַזוי פריש נישט געגרינט,
ווי דאַן, ווען ביים גוף פון געפאַלענעם ריז,
איז געשטאַנען עמינדב, פאַרבלענדט פון דער הילף,
אָפּוואַרטנדיק די זיגער פון געיעג נאָכן פיינט.

נאָכן זיג

גליתן אומוואַרפנדיק, אין די שלייפן אים טרעפנדיק
פון דעם שליידער דעם איינפּאַכן די שטיינער די שפּיציקע,
האָט די שווערד ער אַרויסגעכאַפּט פון פאַלנדיקן גלית,
דעם קאָפּ איבערגעשניטן, דאָס בלוט געלאָזט אָפּרינען,
אויף דער שפּיז אים אַרויפגעזעצט און געפאָכעט אין דער הויך,
מיטן קאָפּ פון דעם גבור צו דער זייט פון די שונאים.

די פלשתים, דאָס זעענדיק, זענען די הערצער געזונקען,
און מיט ציטערנדיקע קני דעם קריגס-פּלאַץ פאַרלאָזט.
אָבער די זין פון יהודה האָבן געשאַלט און געיובלט
און נאָכגעיאָגט די אַנטלאָפענע ביז גיא און ביז עקרון,
דערשלאָגנדיק דאָס חיל, זייער לאַגער באַרויבנדיק,
צעבלאָזנדיק דאָס פייער, וואָס ס'האָט אָנגעצונדען דער שונא.

אָבער פריער נאָך, ווען גלית דער ריז איז געזונקען
און די זין פון ישראל, אַראָפּאײַלנדיק אין טאָל,
האָבן, דודן פאַרבײַלויפנדיק, אים דעם ערן-רוף אויסגעשאַלט,
און אײַלנדיק אַוועק נאָך די פלשתים די אַנטלאָפענע —
זענען אַראָפּגעקומען די עלטסטע, אויך אבנר און שאול,
דודן אַרומגערינגלט, געלויבט און באַוווּנדערט.

האָט זיך אָנגערופן שאול, דערפרייט פון דעם זיג:
מיין טאָכטער וועל איך דיר געבן, דיין פּאָטער-הויז פריי מאַכן
פון יעדן אָפּצאָל און צינש, וואָס באַלאַסטן אַ בירגער;
דיר אַליין אָבער איז באַפוילן פון היינטיקן טאָג
דער עלטסטער צו זיין איבער דער לייב-וואַך פון קעניג,
דער דריטער נאָך מיר און נאָך אבנרן מיין קרוב.

דוד, דאָס הערנדיק, האָט טיף זיך געבוקט
און אויפשטייענדיק זיך אָנגערופן צו שאולן אַזוי:
דערלויב מיר אַרויסצושיקן די פלינקסטע פון די רייטער,
בליץ-שנעל צו איילן אין די שטעט פון ישראל,
אויסשאַלן אונזער זיג און דעם פאַל פון דעם שונא,
ווייל דאָס לאַנד איז אומרויק איבערן גורל פון חיל.

שאול, אים הערנדיק, האָט ווייך אים געענטפערט:
האָסט קלוג איצט גערעדט, נעם שיק זיי מיין זון.
און דוד, די שליחים פאַרזאַמלענדיק איילִיק
פאַרן קעניג און די עלטסטע, האָט זיי פאַרנוויז איינגעטיילט,
באַצייכנדיק יעדן אין וועלכע שטעט אַריין צו איילן,
הייטער זיי אויפגעמונטערט צושמייכלענדיק פריילעך.

די ערשטע האָט ער אַוועקגעשיקט קיין רמה צום נביא,
די רייטער דערמאַנענדיק מיט ווערטער גאָר מילדע:
געדענקט נאָר אָן שמואלן, דעם געטלעכן מאַן!
לאָזט לאַנג אים נישט וואַרטן אויף דער בשורה דער גוטער,
אויב יעדערער זאָרגט איבער זיין זון און זיין ברודער,
זאָרגט ער איבער יעדן, איבערן גורל פון אַלע.

שאול, נאָך אַ ווײַלע, האָט זיך אָנגערופן צו אבנרן,
ערנסט באַזאָרגט אין דער זײַט מיט אים גײענדיק:
איז שמואל דאָך, מײַן פײַנט, געגוג נאָך געאַכט
אין אַלע װינקלען פֿון לאַנד, בײַ די חשובים און פּאַסטעכער;
זע, װי צעפּרידן זײ שמײכלען צו דודן
פֿאַר זײַן כּבוד און דרך־ארץ צו שמואלן, דעם זעער.

אבנר, זײַן קרוב, האָט רויִק אים געענטפֿערט:
איז דאָך דאָס האַרץ פֿון אַ מענטש געגוג ווייך און פֿאַרטרוימט,
די באַן אָבער פֿון לעבן געגוג דאָרניק און האַרט!
די וואָרהייט פֿאַראַכטנדיק וויל יעדערער גלויבן.
דאַרום איז ווילקאָמען יעדן אײנעם דער נביא
און זײַן קלײנלעכקייט און אײגננוץ וויל קײנער נישט זען.

שאול, אים פֿאַרשטײענדיק, האָט זיך אָנגערופן טרויעריק:
האָב איך אַלײן דאָך װי אַ פּאַסטעך און אַ זון פֿון דעם פֿאָלק
אין זײַן הײליקײט געגלויבט װי אַ ייִנגל אַן אײנפּאַכס!
אָבער צום קעניג מיך דערהײבנדיק, האָב איך זײַן װעזן דערזען.
ער אַלײן, מיך זאַלבנדיק, האָט ביטער מיך געהאַסט,
כּסדר געצאָרנט און געשאָלטן אין גילגל.

אבנר האָט ערנסט און געלאַסן אים געענטפֿערט:
די מרה־שחורה פֿון דער יוגנט און איר אומעט דער אָפּטער
צערינען אין די װערק פֿון שפּעטערן מאַן
און זײַן פֿריערדיקע זאָרג װערט צום נוצן פֿאַרוואַנדלט.
װי פֿרײַ איך מיך צו זען, װי די קללה פֿון גילגל,
וואָס האָט קראַנק דיך געמאַכט, מאַכט געזונט דיך און קלוג.

אויפגעמונטערט פון די רייד האָט אויסגערופן שאול:
יהוה איז גערעכטער פון אַלע נביאים און כהנים!
ער האָט זיך אונז געגעבן איבערן פיינט דעם פאַרביטערסטן,
וואָס האָט אַממייסטן באַדראָט באַרויבט אונז אַמאָפּטסטן;
רייך וועט איצט אומקערן אונזער היל מיט רויב,
און דאָס פאָלק וועט זיך פרייען און לויבן דעם קעניג.

דוד, די שליחים אין די שטעט אַריין שיקנדיק,
האָט געאיילט נאָכן שונא אויף אַ מוילאייזל רייטנדיק,
פאָכנדיק אין דער הויך מיטן קאָפּ פון דעם ריז,
און דערוועקנדיק מוט ביי די ברידער, די פאַרפאָלגער,
צו יאָגן און דערגרייכן די פאַרפאָלגטע פלשתים,
איידער די זון וועט פאַרגיין און דער טאָג וועט פאַרשווונדן.

שליחים אין רמה

דער באַגינען איז געקומען, ווי אַ בלאָנד-געלאָקטער פּאַסטעך,
זאַנפט און צעשטראַלט איבערן שטעטל דעם שטילן,
באַדעקנדיק מיט גאָלד די צעדערן די הויכע
און גיסנדיק ליכט אין די פּאַלמען-צווייגן די גרינע;
דער מאָרגן-נעפּל דער ראָזער האָט זיך אויפגעהויבן לאַנגזאַם
און, מיט ליכט זיך באַהעפטנדיק, די וועלט אונז אַנטפּלעקט.

נישט ווייט פון דעם שטעטל האָט אַ קוועלכל געריזלט,
איילנדיק אין טאָל פון די שטיין-בערג די הויכע,
שפּיגלענדיק די זון און די הימלען די בלאָע.
מען וואָלט גלויבן געקענט, אַז פאַרבאָרגן דאָרט אויבן,
האָט אַ גאָט אין זיין יינגקייט געאָטעמט מיט פרייד
און עס שטיפעריש אַראָפּגעהויכט צו די קינדער פון דרערד.

דעריבער האָבן געשמייכלט די מיידלעך, דאָ קומענדיק,
אין אָוונט און באַגינען, אום וואַסער צו שעפּן,
זיך איינבויגנדיק טיף איבערן טייכל דעם קלאָרן,
זייערע פּנימער שפּיגלענדיק, אַנטפּלעקנדיק די קני.
און דעריבער האָבן זיי אויסגעשעפּט די קרוגן מיט געזאַנג
און אַהיימגעקערט מונטער מיט אַ סוד אַ פאַרבאָרגענעם.

שוין אַ צייט אָבער, ווי ס'איז שטיל אַזוי אין אָוונט און באַגינען
און די מיידלעך שעפּן אויס און גייען שווייגנדיק אַוועק,
ווי דאָס קוועלכל איז דורשטיק נאָך אַ שמייכל אַ לויטערן,
און שעפּטשנדיק אין לויף זיינעם, שיינט עס זיך צו פרעגן:
זאָגט, מיינע שוועסטערלעך, פאַרוואָס שווייגט איר אַזוי
און זינגט נישט ווי פריער איבער די קרוגן די פולע?

און די שוועסטערלעך ענטפערן צום טייכל זיך ביקנדיק,
שפּיגלענדיק די זאָרג אין די פּאַליעלעך די לויטערע:
איז דאָך דאָס שטעטל ווי לעער, נאָר די מאַמעס זענען געבליבן,
זאָרגנדיק איבער די טאַטעס און די ברידער די יונגע,
און מיר זאָרגן איבער זיי און איבער עמעצן נאָך —
זאָג-זשע אונז, ברודערל, וועלן זיי צוריקקומען אַמאָל?

דאָס קוועלכל אָבער דאָס שטיפערישע ענטפערט זיי שעפּטשענדיק:
פאַרוואָס פרעגט איר מיך, שוועסטערלעך, זאַכן אַזעלכע פרעמדע?
אויב אייערע נאָענטע וועלן צוריקקומען, וועט איר האַרציק זיך פרייען,
אויב נישט, וועט איר יאָמערן, די קליידער זיך רייסן,
איך אָבער וועל פליסן — מעגט איר וויינען אָדער לאַכן —
זאָרגלאָז ווי שטענדיק מיין וועג דעם באַצייכנטן.

דאָס דערהערנדיק האָבן די מיידלעך, דערשראָקן אין געמיט,
אויסגעשעפּט שווייגנדיק די קרוגן וואָס גיכער
און אַהיים געאיילט שנעל צו די מאַמעס די פאַרדאגהטע,
וואָס זענען טרויעריקער געוואָרן נאָך, די טעכטער דערזעענדיק
מיט דעם אומעט אין די אויגן און שווייגנדיק פינצטער,
פון פרילינג ווי פאַרגעסן, פון זונען-שטראַל דעם מילדן.

אומזיסט נאָר האָבן זיי מאַסנווייז צום זעער זיך פאַרזאַמלט,
פאָרשנדיק אין ערפורכט דאָס נבואה-וואָרט דאָס הייליקע.
שווייגנדיק און שטרענג האָט זיי אָנגעקוקט דער זקן,
קיין טרייסט-וואָרט נישט האָבנדיק פאַר די געמיטער די צעבראָכענע.
האָרן שאולן דעם קעניג, געזאַלבט פון אים זעלבסט,
האָט פיינט געהאַט דער נביא און קיין גוטס נישט געווונטשן.

די שטרענגקייט פון נביא, זיין שווייגן דאָס שטומע
האָט מער נאָך פאַראומערט די באַוווינער פון רמה;
דעריבער האָבן זיי אָפטער געאיילט צו דעם הייליקן,
אָפשטייענדיק שעהן גאַנצע פאַר זיין הייזל דעם ווייסן,
אויף די קניִען זיך געוואָרפן, דורך די פענצטער אים זעענדיק,
און צוריקגעקערט דערשלאָגענע איינזאַם-פאַרלאָזטע.

הייַנט אויך, פאַרלאָזנדיק די אַרבייט אויפן פעלד,
באָטש דער פרילינג האָט געווייעט איבער דעם ערד-קלייד דעם גרינעם,
דעם ליבהאָבער רופנדיק צו באַזייען זי און באַפרוכפערן,
האָבן זיי, אויפשטייענדיק פון געלעגער, צום נביא געאיילט;
דען די נאַכט, וואָס האָט אַראָפגעצויגן, ווי אַ כלה אַ שטילע,
האָט דעם שלאָף דאָך נישט מיטגעברענגט, מיט חלומות געשראָקן.

פֿונווײַטנס דאָס הייזל דערזעענדיק דאָס ווייסע,
די פאַלמען און די צעדערן פון מאָרגן-ליכט באַלויכטן,
האָט אַ שטילקייט און רויִקייט די הערצער איבערפולט
און צוקומענדיק אַהין איז די זאָרג ווי פאַרשוווּנדן —
וויינט אַ נביא דאָך דאָ, פאַר וועמען אַלץ איז אַנטפּלעקט,
און דאָס האַרץ דאָס באַטריבטע וואָלט מען אויסוויינען געקענט.

אַלע זענען זיי געקומען צום הויז פון דעם זעער:
יינגלעך פאַרברוינטע, ווי הערשעלעך פלינקע,
מיידלעך שוואַרץ-אויגיקע מיט בענקשאַפטס-חן צאַרטן,
מאַמעס פאַרבלייכטע פון נעכט איבערוואַכטע,
זקנים זילבער-בערדיקע, ווי ווינטער-טעג ווייסע,
און קינדערלעך צאַפּלדיקע, ווי שמעטערלינגען העלע —

אַלע זענען זיי געקומען פאַרן הויז פון דעם נביא
און אַלע ווי איינער וועלן נישט צוריקגיין פונדאַנען,
ביז דער נביא דער אַלץ-וויסנדער וועט גאָטס וואָרט נישט אַנטפּלעקן,
דען זעכציק טעג זענען פאַרביי, ווי יאָרן זיך שלעפנדיק,
זייט די מענער זענען אַוועק און נישט צוריקגעקערט נאָך —
מעג ער צערנען איבער זיי אין אַ צייט אַזאַ שווערע?!

דער נביא אויך דער אַלטער, פון מאָרגן געקושט,
האָט פרי היינט דאָס בעט פאַרלאָזט, דעם קערפּער געוואַשן,
תפילה געטוען צו גאָט און געדאַנקט דעם באַשעפער
פאַר דעם מאָרגן דעם גאָלדענעם, וואָס ער האָט אויפגיין געלאָזט,
אַרויס אויפן דאַך פון פרישקייט צו געניסן,
פון די הימלען די ראָזע, די שטראַלן די מילדע.

האָט אדורכגעשוועבט אַ וואָלקנדל איבערן דאַך פון דעם נביא
מילך-ווייס, לייכט און ראָזע באַזוימט,
דערמאַנענדיק דעם זקן זיין יוגנט-צייט די צאַרטע —
האָט געשמייכלט דער אַלטער אָן באַדויערן און זאַנפט,
ווי עס שמייכלט אַ זיידע צום אייניקל אין וויגל,
וואָס לאַכט צו אים, שפּילנדיק מיט זיין באָרד זיך דער ווייסער.

ווען דאָס פאָלק אָבער האָט אָנגעצויגן, די אַלטע און די קינדער,
די ווייבער די יאָמערנדיקע אויפן באָדן זיך וואַרפנדיק,
האָט זיין געמיט זיך פאַרוואַנדלט, דער שטערן געוואָלקנט.
וואָס קומען זיי צו אים אין דעם מאָרגן דעם גאָלדענעם,
אים די גראָבקייט דערמאָנען פון מענטשן אומדאַנקבאַרע!
וואָס ווילן זיי פון אים דעם אַלט געוואָרענעם, פאַרלאָזטן?!

איז אויפגעגאַנגען צו זיינע אויערן אַ געוויין פון אַ קינד,
רעדנדיק אָן ווערטער צום האַרץ פון דעם נביא:
בין איך אומדאַנקבאַר דען, שמואל? אומשולדיק אין עפּעס?
און די מאַמע, וואָס צעווייקט איר געלעגער פון טרערן,
די שוועסטערן, וואָס זיצן שטום און דערוואַרטנדיק,
מיר אַלע זענען שולדיק, וואָס דו צאָרנסט איבער אונז?

שמואל, דאָס דערהערנדיק, האָט אויפגעציטערט אין געמיט
און, צוגייענדיק צום דאַך־ראַנד, אַראָפּגערעדט צום פאָלק:
איבער די אומשולדיקע און עניוותדיקע, וואָס זענען צווישן אייך,
וועל איך העלפן מיין פאָלק — האָט געזאָגט מיר יהוה.
אויך אַ מלך וועל איך רופן, אַ פאַסטעכל אַ באַשיידנס,
פון בית־לחם פון יהודה וועל איך רופן מיין געזאַלבטן.

דאָס פאָלק, דאָס דערהערנדיק, האָט אַנידערגעקניט אין ערפורכט
בעטנדיק אין דער שטיל ביי יהוהן דעם אַלמעכטיקן,
ער זאָל זען זייערע הערצער, די הילף זיינע שיקן,
און אויפשטייענדיק, פאַרוווּנדערט זיך אומגעקוקט אַרום:
צווי רייטער פאַרשטויבטע, די מוילאייזלען פירנדיק,
האָבן צום נביא זיך דערנענטערט, אויפן דאַך אים דערזעענדיק.

זיך בוקנדיק טיף, זענען זיי אויפגעשטאַנען שנעל
און פון דער דורכדרינגענדער שטילקייט האָט זיך אָנגערופן איינער:
דוד פון בית-לחם, באַזיגנדיק גליתן
און ברענגענדיק הילף דעם חיל דעם פאַרשמאַכטן,
האָט באַפוילן אונז די ערשטע קיין רמה צו רייטן,
דעם נביא דעם געטלעכן די בשורה צו ברענגען.

די טרערן פאַרבאָרגנדיק פון דאַנקבאַרקייט און פרייד,
האָט דעם דאַך פאַרלאָזט שמואל, אין געצעלט זיך פאַרבאָרגן,
פאַר דעם יובלדיקן פאָלק, פאַר די ווייבער די רוישיקע.
די רייטער אַריינרופנדיק, האָט ער רויק זיי געפרעגט
וועגן לויף פון דער שלאַכט, די פאַרלוסטן פון חיל
און פון פאַסטעכל דעם געוואַגטן, וואָס האָט גליתן באַזיגט.

און אינאָוונט, ווען די נאַכט האָט אַ זאַנפטע, אַ שטילע
מיט די שטערן די גאָלדענע אין די פענצטער אַריינגעבלאָזט,
איז אויפגעגאַנגען צו זיין אויער אַ געזאַנג פון אַ קינד,
און אָן ווערטער גערעדט צום האַרץ פון דעם נביא:
אומשולדיק איז דער הימל, אומשולדיק די ערד,
אומשולדיק אויך די מענטשן אין זייערע זינד און פאַרברעכנס.

חשד

זייער שיין ווינקט דער שטערן פון דער מילך־באַן אַראָפּ,
פון לאַסטן נישט באַדריקט, פון קיין זאָרג נישט געקוועלט —
ווילסטו דיין משא אפשר אָפּלאָדן און שמייכלען ווי ער?
דו פילסט אָבער דעם טויט אין דיין וויסטער נשמה
און קלאָגסט איבער דיין מענטשלעכן גורל דעם ביטערן —
אָבער דעם גורל אויך דעם פינצטערן באַזיגט דער פאַלקאָמענער.

יונתן, מיין ליבער, דו בעסטער פון אַלע!
דיין יונג-בליענד לעבן האָט קיינער נישט אָפּגעהאַקט,
מיט דער ריינקייט פון דיין האַרץ האָסטו דעם טויט איבערגעלעבט;
איך זע דיך גאַנץ אָפט צווישן די שטערן די מילדע,
אין מאָרגן-רויט דעם צאַרטן איבער דערפעלער שלוהדיקע —
אין שטאָט-רויש און געפילדער זוך איך דיך אומזיסט נאָר.

דודן דעם פאַסטעך דעם איינפאַכן פון בית־לחם,
האָט ער זיין מאַנטל אַוועקגעגעבן, די שווערד און דעם בויגן,
און צוריקקערנדיק פון שלאַכט ביי דער זייט אים געריטן,
שמייכלנדיק תמימותדיק צו די טעכטער פון לאַנד,
וואָס האָבן דודן דעם יונגן, אין די קריגס-קליידער שטראַלנדיק,
יובלדיק באַגריסט און מיט בלומען באַוואָרפן.

נישט איינער אין דער מחנה האָט מקנא געווען זיין רום,
קוקנדיק פון דער זייט אויף דעם שטראַלנדיקן ייִנגל,
וואָס האָט נעכטן ערשט די אָקסן געטריבן צו די שטאַלן.
שאול אויך פאַרנעמענדיק דעם יובל פון פאָלק,
זיין ליבע צום זיגע׳, האָט זיין געמיט זיך פאַרוואַנדלט:
איז ער נישט דער בעסערער וועמען דער נביא האָט געמיינט?...

די שליחים אַוועקשיקנדיק אין די שטעט פון ישראל,
האָט ער די ערשטע און פלינקסטע קיין רמה געשיקט —
„געדענקט נאָר אָן שמואלן דעם געטלעכן מאַן!"
און דאָס חיל אַרום דודן האָט אים צוגעשמייכלט ליב —
ווער ווייסט וואָס באַהאַלט זיך אונטער אויסערלעכער אומשולד?
ליגט קיין שלאַנג נישט פאַרבאָרגן אונטער איר צאַרט־ווייכער הויט...

איז דאָך בית־לחם פון שטענדיק געניגט צו דעם נביא,
און ישי דער גרייז איז זיין פריינט דאָך דער ליבסטער,
און דוד דער זיגער איז זיין זון דאָך דער יונגסטער.
און יונתן, דער מאַן מיטן האַרץ פון אַ קינד,
האָט זיין מאַנטל אים געשאָנקען און ליב געקריגן הייס,
און ער אַליין האָט צום עלטסטן פון זיין וואַך אים געמאַכט.

קיין גבעה אַריינרייטנדיק, באַגריסט פון דעם פאָלק,
איז אומעטיק דער קעניג אין זיין הויז באַלד אַוועק,
נישט אויסזאָגנדיק קיינעם די זאָרג פון זיין האַרץ.
אויך דאָ האָבן ווייבער, טאַנצנדיק פאַר פרייד,
דודן דעם זיגער מיט בלומען באַוואָרפן;
מיכל אָבער באַזונדער האָט אים צוגעשמייכלט ליב.

און פֿאַרנאַכט, ווען דער קעניג פֿול חשד און געקרענקט,
האָט געפֿאָרן געזוכט אין דער צוקונפֿט דער טונקעלער,
אומזיסט נאָר זיך מאַטערנדיק דעם צייט-לויף צו העמען —
האָט אַ מיידל איר ליבסטן מיט אַ בליק בלויז פֿון די אויגן
אויסגעזונגען אַ ליד, וואָס דאָס ווינטל האָט צעטראָגן,
און די שטערן מיט גאָלד אויפֿן הימל עס געשריבן.

וואָרן אַלץ האָט זי געפֿונען אין איר אויסדערוויילטן, איינציקן:
די שטאַרקייט פֿון לייב און די צאַרטקייט פֿון קינד,
די האַרטקייט פֿון גיבור און די זאַנפֿטקייט פֿון משורר.
שענער האָט זי אין חלום נישט געזען אים דעם גאָלדענעם,
אין איין האַנט דעם בויגן, די האַרף אין דער צווייטער —
אַלץ האָט זי געפֿונען אין איר איינציקן געליבטן.

יונתן, דעם אומעט פֿון פֿאָטער דערזעענדיק
נאָכן זיג איבערן שונא, האָט זיך טאָפּל דערשראָקן
און דודן זוכנדיק, האָט ער אין גאָרטן אים געטראָפֿן,
מיט מיכלען זיין שוועסטער הינטער אַ פֿאַלמען-בוים זיצנדיק;
איז ער שטיין געבליבן פֿונווייטנס, זיך פֿרייענדיק אין געמיט,
ביז דוד האָט זיך אומגעקערט, פֿונווייטנס אים דערזען.

יונתן, דעם טרויעריקן סוד אים פֿאַרטרויענדיק,
האָט צום פֿאָטער אים אַוועקגעשיקט דעם אומעט צו פֿאַרשפּילן.
בלייבנדיק מיט מיכלען, איבערן גאָרטן שפּאַצירנדיק,
האָט ער פֿון דודן דערציילט, פֿון זיין מוט און זיין דרייסטקייט;
און מיכל, פֿון יונתן וועגן דודן דאָס הערנדיק,
האָט דעם ברודער זי אומגעאָרעמט און שווייגנדיק געקושט.

צו שאולן אַריינקומענדיק, האָט דוד זיך פֿאַרוווּנדערט:
מיט דער וואָרף־שפּיז אין דער האַנט איז דער קעניג געשטאַנען,
ווי זיך גרייטנדיק צום קאַמף קעגן אַ פֿיינט אַ פֿאַרבאָרגענעם.
ביי זיין אָנקומען האָט ער האַסטיק אויף דער שטול זיך געזעצט,
די שפּיז נישט אַוועקלייגנדיק, אָטעמענדיק שווער;
פֿינצטער אים צוריקגריסנדיק, האָט ער שפּילן אים באַפֿוילן.

און ווידער האָבן אויפֿגעשאַלט די אַלט־באַקאַנטע־טענער:
עס קלינגען די גלעקלעך פֿון שפּרינגענדע שאָף,
קוועלעכלעך רוישן, פֿייגעלעך פּישטשען,
און די לערכע מיט דער נאַכטיגאַל זינגען צוזאַמען,
ווי די שטערן מיטן מאָרגן־רויט וואָלטן צוזאַמען זיך פֿאַראייניקט
און דער טאָג מיט דער נאַכט אין איינס זיך צעגאָסן.

וואָרן שענער נאָך ווי פֿריער האָט געקלונגען זיין ליד,
פֿון האַרץ־פֿרייד באַשאַפֿן נאָכן זיג אויפֿן שלאַכט־פֿעלד.
שאול אָבער, צעשראָקן אין זיין אָפּגעשוואַכט געמיט,
האָט דראָאונג נאָר געהערט אין די מעלאָדיען די געטלעכע
און דודן זעענדיק אין זיין יוגנט־קראַפֿט שפּראָצן
אַזוי זיכער און רויק, האָט זיין צאָרן נאָך געשטייגערט.

צוויי מאָל האָט ער געוואָרפֿן די שפּיז אין דער וואַנט
דודן קעגנאיבער, צו טרעפֿן אים גאַרנדיק,
און צוויי מאָל האָט זיך אָפּגעבייגט דוד אין דער זייט,
פֿאַרמיידנדיק דעם טויט און שפּילנדיק ווייטער.
אַוועקגייענדיק האָט ער אונטערטעניק געבוקט זיך פֿאַר שאולן,
אין זיין אומעט אים לאָזנדיק, פֿאַרשעמט און דערצאָרנט.

זייער שיין האָבן אַראָפּגעגלאַנצט פון דער מילך־באַן די שטערן,
פון לאַסטן נישט געדריקט, פון זאָרג נישט געקוועלט.
וואָלסטו דיין משא אפשר אָפּגעלאָדן און געשמייכלט ווי זיי?
פילסט אָבער דעם טויט אין דיין וויסטער נשמה,
און קלאָגסט נאָר איבער דיין מענטשלעכן גורל דעם ביטערן —
נישט דיין גורל, ליבער פריינד, ס׳איז חשד און פּחדנות.

באַראַטונג

אבנרן רופנדיק, זיין קרוב און יועץ,
זיך לעבן אים זעצנדיק האָט אָנגעהויבן שאול:
זעגען די גרענעצן פון לאַנד דאַך, פיל מער איצט ווי שטענדיק,
קענען די אָנפאַלן די אָפטע פון שונא פאַרזיכערט.
מעגן מיר אָפּווענדן די געדאַנקען פון דרויסן
און אויף די אינערלעכע שונאים זיי ווענדן מיט באַדאַכט.

אבנר נאָך אַ ווײַלע האָט נאָכדענקענדיק געענטפערט:
אויך די אינערלעכע לאַגע פאַרבעסערט זיך אין דער מאָס,
ווי ס׳ווערט רייכער דאָס לאַנד און די גרענעצן זיכערער.
פילט דאָך יעדער דעם נוצן פון די אָפטע נצחונות,
פאַרמערנדיק די אָרעמקייט מיט אַ שאָף, מיט אַ רינד,
מיט אַ טעפּיך גאָר אַ בונטן פון פיינטלעכן רויב.

שאול געקרענקט האָט געענטפערט זיין קרוב:
די מעגלעכסטע באַשיידנקייט האָב איך איינגעפּירט ביי מיר,
אויך מיין ווייב און די טעכטער קליידן זיך באַשיידן —
פאַרשווענדערישקייט, איבערפלוס קאָן מיר קיינער נישט פאָרוואַרפן.
דאָך אַהן איך דעם טאָג, ווען דאָס פאָלק דאָס אומדאַנקבאַרע,
וועט דעם רוקן מיר קערן, זיך אַן אַנדערן ווײַלן.

באַכדענקענדיק אַ ווײַלע האָט געענטפערט אים אבנר:
אין דער אָנהויב דער איצטיקער זע איך נאָך דעם שאָטן
פון דײַן פריערע מרה-שחורה, נאָך דער קללה פון נביא.
אָבער קוק נאָר אויף זאַכן אַזוי קלאָר ווי זיי זענען:
זיצט ער נישט, דער נביא דאָרט, אין זײַן שטעטל דעם קליינעם,
פאַראײַנזאַמט, פאַרלאָזט, פון פאָלק ווי פאַרגעסן?

פילט דאָך דאָס פאָלק זיך פיל זיכערער און בעסער!
דערום פאַרקלענערט זיך דער כּוח פון די הייליקע, די כּוהנים,
און דײַן אָנזען אַלס קעניג ווערט גרעסער טאָג טעגלעך.
די כּוהנים-שטאָט, נוב, ווער באַזוכט זי דען היינט?
אויסער שלמים איינער ברענגט, אַ מנחה, אָדער אַ תּודה —
לאָז זיי וויל באַקומען, די הייליקע, דאָס פלייש מיט די קיכנס...

שמייכלענדיק האָט געענטפערט שאול דער קעניג:
פאַרגעס נאָר נישט, אבנר, זייער צאָרן דעם פאַרבאָרגענעם,
וואָס וואַרט נאָר די מינוט, אום אויסצוברעכן אָפן,
און דעם גלויבן פאַרגעס נישט פון פאָלק אויך, דעם קינדישן.
וויפל קעמפן האָב איך געמוזט קעגן די אובות און ידעונים*),
ווער שמועסט נאָך קעגן הייליקע, וואָס איך אַכט זיי אויך זעלבסט.

אבנר זײַן יועץ האָט זיך אָנגערופן זאַנפט:
גוט, וואָס געדענקסט אָן דעם אַלעם מײַן קעניג.
כאָטש דער זיגער מעג אַכטן זײַן פײַנט דעם באַזיגטן,
מוז ער שטענדיק אָבער וואַכן און איינס נאָר געדענקען —
אָן צאָרן פון באַזיגטן. ווער שמועסט נאָך אַצינד,
ווען זײַן פאַל איז נאָך פריש און דײַן קעניגרײַך יונג.

*) כּישופמאַכערס, וואָס שאול האָט פאַרטיליקט.

שאול דאַן דאַנקבאַר האָט אבנרן געענטפערט:
דיינע ווערטער די קלוגע געדענק איך מיר שטענדיק
און רעדנדיק מיט דיר ווערט די לאַסט מיר ווי גרינגער,
אויך יעצט וועל איך אָפלאָדן מיין האַרץ דאָס באַטריבטע.
אַך, טרויעריק גייט אַדורך אונז דאָס לעבן דאָס קורצע,
נאָך אַ פרייד אַ קורץ־דויערנדע וויפל זאָרג דערנאָך קומט.

אבנר, דאָס הערנדיק, האָט שטיל געשוויגן לאַנג,
טראַכטנדיק אין געדאַנק וועגן שוואַכקייטן פון מענטשן:
אַז ווייניקע באַהערשן די זאָרג אין געמיט,
אַז די קרוין פון אַ קעניג איז לעסטיק גאַנץ אָפט,
אַז שאול, כאָטש ער הערשט אַזוי ערלעך און גוט,
איז גליקלעכער געווען דאַך אַלס פּאַסטעך אין דער יוגנט.

דערום האָט ער נעענטער זיך צוגערוקט צו שאולן,
גרייט צו פאַרנעמען דעם סוד דעם פאַרטרויטן
און צו ראָטן אַמבעסטן, לויט דעם שכל דעם קלאָרן.
שאול, ווי זיך שעמענדיק פאַר זיין קרוב דעם קלוגן,
האָט געצעגערט אַ ווײַלע זיין חשד אים צו זאָגן,
ביז ענדלעך, זיך שטאַרקנדיק, האָט אָנגעהויבן שאול:

דוד דער יונגער נאָכן זיג איבער גליתן
האָט די ערשטע שליחים קיין רמה געשיקט,
גלית׳ס שווערד אויף די שיינע האָט ער אָפּגעהיט זאָרגלעך.
קיין נוב זי אַוועקגעשיקט די כוהנים צום אָנדענק,
ישי זיין פאָטער איז אַ פריינט פון דעם נביא
און בית־לחם זיין שטאָט איז צו שמואלן געניגט.

דאָס זאָגנדיק, האָט ער אָנגעקוקט אבנרן אַ ווײַלע
און זײַן ערנסטקייט זעענדיק, האָט ער ווייטער גערעדט:
נעכטן אינאָוונט, דאָ אַפּרוּענדיק פון וועג,
האָט דער געדאַנק מיך געטראָפן, ווי אַ פּײַל פון דעם שונא;
און יונתן, דער גוטער, מיין אומעט דערזעענדיק,
האָט דודן אַהערגעשיקט מיין זאָרג צו פאַרשפּילן...

און ווידער האָט אָפּגעהאַקט אַ ווײַלע דער קעניג,
באַזינענדיק אין געמיט זאָל ער שווייגן, אָדער רעדן;
נאָר אבנרן אָנקוקנדיק, זײַן בליק דעם זאַנפט־מוטיקן,
זײַן ערנסט דעם טיפן און זײַן באַזאָרגטקייט צו אים,
האָט זײַן האַרץ זיך געעפנט דאָס איינזאַמע צאַרטע,
זײַן לאַסט צו אַנטלאָדן און אָפּצורעדן אַלץ:

דודן האָט ער אַהערגעשיקט מיין אומעט צו פאַרשפּילן.
אָבער ער האָט מיך מער נישט באַרויקט ווי אַמאָל,
טריומף־שאַל האָב איך געהערט אין די טענער און חוזק,
און צוויי מאָל האָב איך געוואָרפן די שפּיז אין דער וואַנט,
צו טרעפן אים גאַרנדיק, דעם פּריינט פון מיין שונא,
און ביידע מאָל גליקלעך איז ער אַנטרינען מיין ציל.

אים דערציילנדיק אַלץ, איז שטיל געבליבן דער קעניג,
אָפּזיפצנדיק טיף ווי נאָכן אָפּלאָדן אַ משא
און וואַרטנדיק שטיל אויפן וואָרט פון זײַן קרוב.
ער איז לאַנג אָבער געזעסן און נאָכגעדענקט שטיל,
איבער די רייד די געהערטע פון שאולן דעם געקרענקטן,
ביז ענדלעך האָט זיך אָנגערופן אבנר אַנטשלאָסן:

צו האַסטיק און ברויזנד איז שטענדיק דיין טוען,
ווי אַ וואַלקן-בראָך פּלוצים, ווי די פייל פון אַ פיינט.
ס'איז אמת, אַז דוד מיט זיין לייבן-מוט דעם שטאַרקן
קאָן אין דער צוקונפט די קרוין איבערנעמען,
די אָנלען-זייל ווערנדיק פון נביא און די הייליקע —
אָבער זעענדיק די געפאַר, מוז מען רויק זיך באַטראַכטן.

בייג דיין גענאָד צום זיגער ווי געהעריק
און אַלץ וואָס האָסט צוגעזאָגט דערפיל צום געניוסטן;
פאַר דיין איידעם אויך מאַך אים, מיכלען אים געבנדיק,
דען זי ליבט אים — ווי מ'זאָגט — זיין האַרץ אויך געוווּנען.
איין באַדינג אים נאָר שטעל פאַר דיין גוטקייט צו אים:
קעפּ פון פלשתים און נצחונות וואָס מערערע.

דען דער קעמפער דער אָפטער ווערט אָפט אויך געטראָפן,
און ווער אַנדערש, נישט דו, וועט פון אים דיך באַפרייען.
וועט ער זיגן אָבער כסדר און דיין חשד זיך באַשטעטיקן,
וועסטו אָפן אים משפטן און טייטן לויט געזעץ.
האָסט מיטלען גענוג אים נאָכצושפּירן שטיל
און אָפּוועגדן קלוג די געפאַר, וואָס דיר דראָט.

און שפּעטער האָט עמעצער מיטגעטיילט דודן,
צופעליק אים טרעפנדיק אין קעניגלעכן הויף:
כ'האָב געהערט, אַז דער קעניג ליבט דיך ווי אַ זון,
וויל זיין טאָכטער דיר געבן, פיל געלד און מתנות.
צוויי הונדערט קעפּ פון די הינטישע פלשתים,
ווען דו שטעלסט אים נאָר צו — מער פאַרלאַנגט נישט דער קעניג

אורטייל

פאַר יונתן, איר ברודער, האָט זיך אָנפאַרטרויט מיכל,
איבער דודן באַזאָרגט, פאַר זיין גורל זיך שרעקנדיק:
כ׳קאָן דעם פאָטער נישט פאַרשטיין פון אַ צייט שוין אַ לאַנגע,
און לעצטנס איז זיין טוען אַזוי פרעמד מיר און ווייטיקלעך:
ס׳גייט קיין וואָך נישט אַדורך, ער זאָל דודן נישט אַוועקשיקן,
און פון איין שלאַכט געקומען, שיקט ער אין דער צווייטער אים ווידער.

און ווען ער קומט שוין פון פעלד, קוקט ער פינצטער אים אָן,
ווי זיין גליק און דערפאָלג וואָלט אים ווי געטוען גאָר;
אויך מיר ווייזט ער קיינמאָל קיין פנים נישט קיין פריינטלעכס,
און צוזאַמען אונז זעענדיק, קוקט ער פינצטער אונז אָן.
פילט דאָך מיין האַרץ, ווי ער וואָלט דודן מיין ליבן
זיין רום נישט פאַרגינען און דאָס ערגסטע געווינטשן.

יונתן האָט טרייסטנדיק געענטפערט זיין שוועסטער:
ס׳איז דער אומעט נאָר דער פינצטערער, וואָס איז ווידער אים באַפאַלן,
דער וואָס געזעלט זיך — ווי מ׳זאָגט — צו אַלע קעניגן און געקרוינטע,
וואָס האָט דעם פאָטער אונז פאַרוואַנדלט, דעם שטענדיק אַזוי גוטן.
ס׳וועט פאַרבייגיין געוויס, ווי ס׳איז איינמאָל געשען שוין,
און ער וועט גוט ווערן ווידער און פאָטערלעך-ליב.

אָבער טרייסטנדיק זיין שוועסטער, האָט ער דאָס האַרץ איר פאַרבאָרגן,
און יענעם סוד איר דעם פיינלעכן אינגאַנצן פאַרשוויגן,
טראָגנדיק אים מענלעך ווי די פייל פון אַ שונא,
וואָס האָט געפאַרלאָזט אָבער העפטיק און ווייטיקלעך געטראָפן.
אָ, שאַרף נאָך איז אים איינגעקריצט יענער אָוונט אין זכרון,
ווען זיין פאָטער אים רופנדיק האָט דאָס שרעקלעכסטע אַרויסגעזאָגט:

דוד האָט דאַן צוריקגעקערט פון אַן אויסצוג אויף די פלשתים,
נאָך זיגרייכער ווי שטענדיק מיט רויב און געפאַנגענע,
און די גאַסן פון גבעה זענען באַלעבט געוואָרן פריילעך,
פון שטערן-ליכט באַזילבערט און אין בלאָקייט געטויכט.
פון דודן גייענדיק, צום פאָטער גערופן,
האָט זיין האַרץ ווי געזינגען צום טאַקט פון די טריט.

אָבער קומענדיק אַהין האָט ער אַבנרן געטראָפן
און ביידע זענען געזעסן אַזוי אומעטיק פאַרוואָלקנט,
אַז ער, אַ דערשראָקענער, איז שטיין געבליבן אַ ווײַלע,
און אין האַרץ זיך געווינטשן די שטוב צו פאַרלאָזן;
אבנר נאָך אַ ווײַלע האָט אַליין זיי געלאָזט
און זיין פאָטער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט אים דאָס גרויזאַמע.

אמת ער האָט צוריקגעצויגן זיין וואָרט דאַן דאָס שרעקלעכע
און ביי גאָט אים געשוואוירן נישט צו טייטן אים, דודן,
אָבער נישט איינמאָל דערנאָך, אין מינוטן פון אומעט,
האָט ער דודן זיין איידעם דעם יונגן, אומשולדיקן,
די שפיז נאָך געוואָרפן, צו טרעפן אים גאַרנדיק.
צו די פלשתים אויך שיקט ער אים, זיין אומקום באַגערנדיק.

דאָס אַלץ האָט ער פאַרבאָרגן פאַר זיין שוועסטער, דער גוטער,
גלעטנדיק די האָר איר און טרייסטנדיק האַרציק —
דערוויל האָט דערהערט זיך דער טרומייט־שאַל דער באַקאַנטער,
יובלענדיק אין חלל אַזוי זיגרייך און זיכער,
אַז דאָס האַרץ אויך דאָס געדרוקטע האָט אויפגעצאַפּלט פריילעך,
און ביידע זענען איילִיק אַרויס אויף דער גאַס.

יינגלעך און מיידלעך, אויך זקנים אפילו
שטראָמען פון די שטובן צום קעניגלעכן הויז,
זיך פאַרהאַלטנדיק אַ וויל נאָר, זיי ביידע דערזעענדיק.
מען זעט שוין פונוויטנס דעם שטויב זיך דערהייבן,
די שפּיזן די בלאַנקנדיקע אין גלאַנץ פון דער זון
און די פערד הויך־פלאַטערנדיק — אַ דאַנק דיר, יהוה!

שאול אָבער פאַרנעמענדיק דעם זיג־שאַל דעם פאַרהאַסטן,
האָט אויפגעשטורעמט צאָרניק, זיך טראַכטנדיק פאַרדראָסן:
האָב איך געהאָפט דאָך, דאָס מאָל שוין וועט צוריקקערן די מחנה
שווייגיק, דערשלאָגן, אָן דודן איר פירער,
מיט פערד געזונקענע, מיט ערד אויף די קעפּ,
און ווידער האָט ער צוריקגעקערט און וואַרט אויף מיין גרויס נאָך.

אבנרן אַרויסשיקנדיק צום צוריקגעקערטן חיל,
און ביים פענצטער זיך שטעלנדיק אונטער דער פוירהאַנג פאַרבאָרגן,
האָט ער דודן געזעען אין נצחון־פרייד שטראַלנדיק,
זיין חיל דאָס זיגרייכע, דעם רויב אויך דעם פיינטלעכן,
מיכלען זיין טאָכטער אין די אָרעמס פון זיגער
און יונתן זיין זון אויך, אים קושנדיק האַרציק.

צום צוריקגעקערטן אבנר האָט זיך אָנגערופן שאול:
ס׳איז צו גאָרנישט דיין פּלאַן אין מלחמות אים צו שיקן!
זיגרייכער, שטאַרקער קומט ער צוריק יעדעס מאָל
און זיין נאָמען ווערט באַרימט אין יעדן ווינקל פון לאַנד.
וואָס באַטייט נאָך דער נאָמען היינט פון יונתן מיין עלטסטן?
נאָך איידער איך שטאַרב ווערט מיין זכר פאַרגעסן!

שיינט דאָך מיר דוד אויך פּאַלטש צו זיין געגנוג,
אויסנוצנדיק די גוטקייט פון יונתן דעם קינדישן,
די ליבע פון מיכלען צו זיין רויב-פּלאַן דעם וויטן!
זע איך דאָך היינט שוין, ווי מיין פלייש און מיין בלוט
פאַרלאָזט מיך ביים לעבן נאָך, ווי אַן אַלט-געוואָרענעם, שוואַכן,
צום פרעמדן זיך געזעגלדיק צום אייגענעם שאָדן!

זיגט דאָך דער נביא, יענער צאָרניקער גרייז!
אין רמה דאָרט זיצנדיק, שוואַך שוין, פאַרעלטערט,
זעט ער מיין פאַל נאָך און די צוקונפט פאַר זיך.
אָבער וואַרט נאָר, דו הייליקער, עס לעבט נאָך דער קעניג!
און די שווערד, וואָס האָט קיינמאָל מיין ציל נישט פאַרפעלט,
וועט איצט אויך מיין ציל אין דעם פיינט נישט פאַרפעלן.

און ביינאַכט, ווען דער קעניג האָט צום שלאָף זיך געגרייט,
האָט יונתן באַפוילן צו מיכלען זיין שוועסטער,
אויסמיידנדיק אַליין אין איר הויז אַריין צו קומען:
דוד אונזער ליבער איז פאַרמשפּט צום טויט!
שליחים באַוואַכן דיין הויז-טיר שוין איצט!
איינדערפרי אים צו בינדן, פאַרן קעניג צו ברענגען.

גלות

ווין נישט, דו גלות-זון, אויף די וועגן די פרעמדע,
פאַרוואונדנדיק די פיס אָן די שטיינער די האַרטע!
מעג ווייט זיין די מדבר, וואָס שפרייט זיך אומענדלעך,
און קוואַלנלאָז וויסט, אָן אַ שפור פון אַ וועג;
אויב דעם שטערן דאָרט אויבן האָט דער הימל נאָך פאַרגונען
דיר האָפנונג צו ווינקען — פאַרצווייפל נישט, ברודער!

מיכלען פאַרלאָזנדיק, דורכן פענצטער זיך רעטנדיק,
איז ער דורכגעלאָפן גבעה, ווי אַ הירש אַ פאַרפּאָלגטער.
ערשט דעם פעלד-וועג דערגרייכנדיק, האָט ער אָפגערוט אַ ווײַלע.
די באַרג-שטאָט הינטער אים האָט פינקלענדיק געלויכטן
פון פאַרוואָגלטן שפּאָטנדיק, מיט זיין עלנט זיך רייצנדיק,
די שטערן אָבער פון אויבן האָבן טרייסטנדיק געווונקען.

קומענדיק קיין רמה צום נביא דעם זקן,
באַליידיקט, געקרענקט, פאַרמאַטערט פון וועג,
האָט ער שמואלן דעם זעער דערציילט פון דעם אַלעם.
חאָט ער קלאָר דאָך פאַרשטאַנען פון אורטייל די סיבה,
דען דעם חשד פון דעם קעניג האָט ער לאַנג שוין געפילט,
פון שפיז-וואָרף דעם ערשטן אויף זיין לעבן געצילט.

אוודאי האָט ער געליינט אויפן טאָוול פון זיין האַרץ
דער פּאַראומערטער שאול פון נביא דער געשאָלטענער,
אים דורכדרינגענדיק צאָרניק, ווי אַן איינזאַמער אָדלער
פון זיין פעלז-שפּיץ דעם הויכן דעם יעגער אין טאָל,
פאַר זיך זעלבסט גאָרנישט טראַכטנדיק, אויף די פליגל פאַרזיכערט,
זאָרגט ער פאַר די נעסט און די קינדער די צאַרטע.

אָבער זיין נאָכפאָלגער יונתן האָט מוחל געווען אַלץ,
דעם קעניג-טיטל דעם הויכן און די איבריקע לאַסטן,
נישט פאַרשטייענדיק דעם פאָטער זיין פיינטשאַפט צו דודן,
ווען זיין קרוין און דעם סצעפּטער נעמט דאָך קיינער נישט צו.
ער אַליין ווידער וואָלט גערן זיין ירושה-רעכט געשאָנקען
דודן זיין ליבן, זיין מוטיקן שוואָגער.

צו שמואלן איצט קומענדיק האָט זיך אָנפאַרטרויט דוד:
אָן וואָפן, אָן מיטלען האָב איך פאַרלאָזט די שטאָט גבעה
און דער וועג, וואָס דערוואַרט מיך, איז מיר פיינטלעך געצוג;
מוז איך דאָך פאַרלאָזן דאָס לאַנד מיינס דאָס טייערע,
אין מדבר זיך רעטן, אין היילן אַנטלויפן,
אויסמיידנדיק דעם צאָרן פון שאולן דעם קעניג.

שמואל דער זקן האָט אים טרייסטנדיק געענטפערט:
נוב, די כוהנים-שטאָט, האָט מיטלען געצוג
און מאַנכע שפּיז אָדער שווערד וועט זיך אויך דאָרט געפונען;
אחימלך, דער עלטסטער פון דער משפחה כוהנים,
וועט זיין דינסט דיר נישט אָפּזאָגן, זיין הילף און זיין ראָט,
מאַנכן מענטש דיר אויך שאַפן, דיין גלות צו טיילן.

דוד, דאָס הערנדיק, האָט שמואלן געזעגנט,
איילנדיק קיין נוֹב לויט דער עצה פון נביא.
איינהאַלטנדיק די טרערן האָט אים אָנגעזאָגט שמואל:
איך בין אַלט שוין געגוג און נאָענט איז מיין סוף.
געדענק נאָר אַלס קעניג אָן די ווירדע פון כּוהן,
לאָז זיין שטאַנד נישט דערנידריקן, ווי שאול האָט געטוען.

שאול אויך, פאַרנעמענדיק דאָס אַנטלויפן פון דודן
און דערפאָלגלאָז אים זוכנדיק אין בית־לחם און רמה,
האָט אַהיימגעקערט צאָרניק, געררייצט אין געמיט,
זיין לייב־וואַך פאַרזאַמלט, די דינער פון הויז,
אויף דער שטול זיך געזעצט מיט דער שפּיז אין דער האַנט
און אויסגערופן ווייטיקלעך די ווערטער די שאַרפע:

ווילט איר מיך אַלע שוין פאַרלאָזן דעם אַלטן
און דודן מיין שונא אַלס הערשער באַגריסן?!
האָט איר אַלע דאָך געזען זיין רויב־פּלאַן דעם פאַלטשן,
ווי ר'האָט יונתן פאַרנאַרט, מיין טאָכטער די יונגע,
און מיין באַפעל אים צו טויטן האָט נישט אויסגעפירט קיינער!
קיינעם קרענקט נישט מיין ווי, קיינער נעמט זיך נישט אָן!

דאַן איז אויפגעשטאַנען דואג, אַ געפאַנגענער פון אדום,
אַ מענטש אַ געמיינער, מיט קיין זאַך נישט פאַרבונדן —
האָט ער זיין היימלאַנד פאַרגעסן, זיין גאָט אויך געטוישט,
דינענדיק שאולן פון יאָרן שוין לאַנגע
אַלס עלטסטער איבער די פאַסטעכער פון זיין צאָררייכער סטאַדע—
אויפטרעטנדיק פאַר שאולן, האָט זיך אָנגערופן דואג:

פירגדיק דעם מעשר פון די שאָף און די רינדער
קיין נוֹב, די כּוהנים־שטאָט, האָב איך דודן געטראָפן.
אחימלך האָט די שווערד אים פון גליתן געגעבן,
שפּייז אויך געגוג מיט אַ פּנים אַ פריילעכס;
כ'בין אָנגעקומען גראָד מיט דעם מעשר דעם רייכן
און ביידע, מיך זעענדיק, האָבן גיך זיך צעשיידט.

שאול, דאָס הערנדיק, האָט אויסגעשריגן צאָרניק:
שיקט מיר נאָך אחימלכן און די איבריקע כּוהנים!
באַאיילט זיי וואָס שנעלער, פון מזבח רייסט זיי אָפּ,
אין די קליידער די ווייסע, אין די גאַרטלען די געשטיקטע!
זעט מען דאָך אויף קלאָר שוין זייער אומשולד די ריינע,
וויפל זינד דאָרט געפינט זיך, וויפיל פאַלטש און פאַרראַט!

ישי אויך דעם זקן, האָט זיין צאָרן נישט פאַרפעלט,
דעם צינש ביי אים אָפּגעמאָנט פאַר די יאָרן די פאַרגאַנגענע,
כּסדר אים פאַראָרעמט און פאַרפאָלגט אָן אַן אויפהער.
אָבער דער אַלטער האָט ערגערס דערוואַרט נאָך אין דער צוקונפט:
איז ער ווייט דאָך נישט בעסער פון די כּוהנים די הייליקע,
וואָס שאול האָט פאַרטיליקט, קיין זכר נישט לאָזנדיק.

זיין משפּחה צוזאַמענגעמענדיק די צאָלרייכע, גרויסע,
האָט ער צוזאַמען מיט אַלע בית־לחם פאַרלאָזט,
פיל טרערן פאַרגיסנדיק אויף זיין געבורט־שטאָט די שיינע
און צו דודן אַנטלאָפן פאַרן צאָרן פון דעם קעניג.
אין דער הייל פון עדולם, ביי דער גרענעץ פון יהודה
האָט זיי אָפּגעוואַרט דוד און אין מואב זיי באַזעצט.

אַ שמועס

פאַר זיין ברודער דעם עלנטן האָט אַ צווייטער געקלאָגט,
ליגנדיק אין דער מחנה אין דער נאַכט-שעה דער שפּעטער,
פון הימל נאָר באַדאַכט דעם מיט שטערן באַצירטן.
פאַקל-ליכט האָט ציטערדיק געוואונקען פונוויטנס,
ווי ס'וואָלט אויסגיין פון שרעק פאַר דעם לייבן-בריל דעם נאָענטן,
פאַרן שאַקאַל-געוויין פון דער מדבר אַרום.

פון דעם נאַכט-שלאָף געוועקט, האָט ער אָפּגעזיפצט טיף,
צום שכן זיך אָנגערופן, דעם עלנטן חבר:
וואָלט מען שלאָפן כאָטש געקענט נאָך די מיפּולע טעג,
דעם הונגער פאַרשלאָפן, די געדאַנקען די טריבע!
דען טראַכסטו אַ ווייל, קומסטו שרעקלעך זיך פאַר:
ווי אַ הונט אַ פאַרשאָלטענער אין דער מדבר פאַרוואָרפן!

שווייגנדיק אַ ווײַלע האָט זיך אָנגערופן דער צווייטער:
בישט ווייניק בין איך דורכגעגאַנגען, אין דער מדבר דאָ וואַנדערנדיק.
בין איך פון די ערשטע געקומען דאָך, זיך דורן איבערגעבן,
און פון דער מחנה דער הײַנטיקער איז קיין צייכן נישט געוועזן נאָך—
בלויז צרויהס זין די מוטיקע און אייניקע נאָך,
מענטשן געוואַגטע, צו געפאַרן געוווינטע.

אָפּטער איז אויסגעקומען צו הונגערן ווי היינט,
געפּערלעכער איז געווען דאָן און טרויעריקער פּיל.
כ'האָב איינס אָבער געפּילט, וואָס האָט פריידן מיר געגעבן:
די גלייכקייט און פרייקייט פון חיל דעם העלדישן
אונטער דודן דעם פירער, דעם מוטיקן און קלוגן,
פון אַלע לאַסטן באַפרייט, וואָס עס גיבן אונז די הייטען...

אָפּוועגנדיק דעם שמועס, האָט זיך אָנגערופן דער ערשטער:
מ'זאָגט דאָ, אַז יונתן, דער זון פון דעם קעניג,
איז ביי דודן געווען, אין געהיים מיט אים רעדנדיק,
און מילד אים געטרייסט אין זיין גלות דעם שווערן.
כ'ווייס — האָט ער געזאָגט — דו ווערסט הערשן אַמאָל
און מיין פּאָטער, דיך יאָגנדיק, ווייסט עס אויך גוט.

דער צווייטער, ווי יונתנס ווערטער צו באַשטעטיקן,
האָט צום חבר זיך אָנגערופן און אַזוי אים דערציילט:
אונז יאָגנדיק איינמאָל אין דער מדבר דער וויסטער,
האָט שאול דער קעניג אַ הייל איבערגעטרעטן,
ווו מיר זענען געלעגן, זיין געברויך דאָרט צו טוען,
ביים איינגאַנג דעם שמאָלן נישט מערקנדיק קיינעם.

אבישי דער העפּטיקער, צרויהס זון דער מיטלסטער,
האָט זיך אָנגערופן צו דודן מיט אַ ווונק פון די אויגן:
נאַ, האָסטו דיין שונא, לאָז אים מער נישט אַרויס!
דוד אָבער האָט אָן עק בלויז פון מאַנטל אים אָפּגעשניטן
און אַרויסגעלאָזט גאַנץ, אומפאַרוווּנדעט דעם קעניג —
וואָס האָט זיין קלייד-שניט נישט געמערקט און גאָרנישט געוווּסט.

אָפּגעוואַרט אַ ווײַל, האָט ער די הײל באַלד פאַרלאָזט,
דוד אונזער פירער אין באַגלייטונג פון אונז.
אויפן בערגל אַרויפקומענדיק אין שכנות פון דער הײל,
האָבן דעם קעניג מיר געזען פון זײַן חיל דערווײַטערט.
דאַן האָט אויפגעהויבן דוד זײַן קלינגענדע שטים,
נאָכרופנדיק שאולן: מײַן האַר און מײַן קעניג!

שאול, זיך אומדרייענדיק, האָט זײַן אײדעם דערקענט,
און, נידריק זיך בוקנדיק, האָט אויסגערופן דוד:
פאַרוואָס יאָגסטו מיך, שאול, און גאַרסט מיך צו טייטן?
דײַן מאַנטל-עק זע אין מײַן האַנט אַלס אַ צייכן,
אַז כ׳האָב טייטן דיך געקענט אין דער הײל דאָרט פאַרבאָרגן —
גאָט זאָל דער שופט זײַן פאַר דײַן זאַך די אומגערעכטע!

שאול האָט געענטפערט זײַן מאַנטל באַקוקנדיק:
זון מײַנער, דוד, ביסט גערעכטער פון מיר!
איך ווייס דו וועסט הערשן און דאָס פאָלק וועט דיך וועלן.
דאָס זאָגנדיק, האָט ער ווי אַ קינד זיך צעוויינט,
דאָס חיל פאַרזאַמלט און צוריקגעקערט פאַרשעמט —
דאָך שפּעטער איז ער צוריקגעקומען און ווידער אים פאַרפאָלגט.

דער חבר, דאָס הערנדיק, האָט נאָכגעטראַכט לאַנג
און, באַוועגט אין געמיט, צום צווייטן זיך אָנגערופן:
זעסטו, מײַן ברודער, אַזוי זענען מיר מענטשן!
דאָס אומרעכט געזען, די עולה פאַרשטאַנען,
און ווידער דאָך געקומען, און ווידער פאַרפאָלגט —
מיר פאַרגעסן וואָס רעכט איז און ליבן זיך זעלבסט נאָר.

זיין חבר, געהאַרטעוועט אין די קאַמפן די אָפטע,
צום געדאַנק נישט געוויינט, צו טרויער נישט גענייגט,
האָט זיך אויסגעדרייט שווייגיק און איינגעשלאָפן טיף.
דער ערשטער איז לאַנג אָבער געלעגן און פאַרנעמען:
די מדבר אַרום, דעם לייבן-בריל דעם נאָענטן,
און דעם שטערן-ווינק אויבן פון דער מילך-באַן אַראָפ.

די לעצטע שלאַכט

ווידער האָט אָפּגעהילכט איבער די שטעט פון ישראל
דער רוף צו מלחמה קעגן די פיינטלעכע פלשתים,
לאָקנדיק די יוגנט די היים צו פאַרלאָזן,
די פעלדער די פרידלעכע, די שאָף און די רינדער,
און וועקנדיק מוט ביי די מענער די שטאַרקע
אויף דעם שלאַכטפעלד דעם בלוטיקן די כוחות צו פרוון.

די ווייבער זיי באַגלייטנדיק האָבן נאָכגעקוקט לאַנג,
אין האַרצן זיי ווינטשנדיק אַ צוריקקער אַ גיכן,
זיג און געווין איבער דעם פיינט דעם פאַרהאַסטן —
פאַרגעסט ער דאָך אָפּט די באַקומענע וווּנדן
פון שאולן דעם זיגער אין די קאַמפן די אָפטע,
און אויסרוענדיק אַ צייט פאַלט ער ווידער באַלד אָן.

שאול, פאַרנעמענדיק דעם אָנפאַל פון שונא,
האָט נאָך אבנרן נישט געשיקט זיין קרוב דעם קלוגן,
ווי שטענדיק פאַר אַ קריג זיך מיט אים צו באַראָטן
און דאָס חיל אים אָנצוטרויען אין די רייען עס צו פירן.
פאַרשליסנדיק זיין געמיט אויך פאַר אים דעם געטרייען,
פאַראייניזאַמט געקרענקט, אין זיין אומעט פאַרזונקען.

דען וואָס באַטייט ער דען, אבנר, דער קלוגער און פּאַמעלעכער,
קעגן דודן דעם פּאַסטעך, דעם בליציקן און שנעלן.
דאָס לעצטע מאָל אין מדבר נאָכן איידעם זיך יאָגנדיק,
האָט ער קלאָר עס געזען און אבנרן פאַראַכטעט —
האָט ער אָפן דאָך געריצט זיך דאָס יינגל דאָס גליקלעכע,
מיט אבנרן זיין יועץ און דעם עלטסטן פון חיל:

חכילה דערגרייכנדיק, דעם ישוב דעם לעצטן
פאַר דער מדבר דער וויטער, ווו דוד האָט געוואַנדערט,
האָט ער אָפּגערוט דאָרטן אויף די פעלדער די גרינע
אַרום אבנרן, די עלטסטע און זיין מחנה דער גרויסער.
דעם טרונק-בעכער דעם זילבערנעם אַוועקשטעלנדיק דערלעבן,
די שפּיז אויך די שאַרפע — האָט ער איינגעדרימלט זיכער.

שפּעטער דערוואַכנדיק איז אַ שרעק אים באַפאַלן:
זיין בעכער און די שפּיז זענען ביידע פאַרשוונדן,
און אויפן באַרג דאָרט אַקעגן איז אויסגעוואַקסן דוד.
פאָכנדיק מיט דער שפּיז און זיין בעכער דעם פאַרשוונדענעם
צו אבנרן זיין עלטסטן — האָט ער אויסגערופן זיגרייך:
שעם דיך, אָ, אבנר! ווי היטסטו דיין קעניג?!

אבנר דאָס הערנדיק, האָט שטיל געשוויגן פאַרשעמט
און שאול האָט אויסגערופן צו דודן דעם געיאָגטן:
קום צוריק, מיין זון דוד, כ'וועל דיך מער נישט פאַרפאָלגן.
און באמת האָט ער צוריקגעקערט און אים מער נישט געזוכט.
אָבער פון אבנרן זיין עלטסטן האָט זיין האַרץ זיך דערווייטערט
און זיין אומעט דעם טיפן מיט קיינעם נישט געטיילט.

יעצט אויך פאַרנעמענדיק דעם אָנפאַל פון שונא,
איז ער אויסגעריטן אַליין פון די זין נאָר באַגלייט:
פון יונתן דעם עלטסטן און די יינגערע צוויי.
פון אַלע ווינקלען פון לאַנד האָט דאָס חיל געשטראָמט,
אויף שאולן פאַרזיכערט און זיין שטערן דעם גליקלעכן,
וואָס פאַרפינצטערט די זון איבערן הימל פון די פלשתים.

דער שטערן אָבער פון שאולן האָט אים מער נישט געוווּנקען
און זיין האַרץ דאָס געקרענקטע האָט דער מוט אויך פאַרלאָזן.
פון די בערג פון גילבוע די פלשתים דערזעענדיק
איז אַ שרעק אים באַפאַלן, זיין געמיט געמאַכט ציטערן:
איז דאָך די מחנה פון שונא אַזוי מעכטיק און גרויס,
ווי קיינמאָל ביז היינט אין די קאַמפן די אָפטע.

שאול, דערשראָקן פון זיין מוט דעם געפאַלענעם,
האָט אומזיסט נאָר געזוכט אין זיין האַרץ דעם פאַרוויסטן
יענעם בליץ פון אַמאָל, וואָס האָט צום קאַמף אים געשטויסן,
ווי אַ שטורעם זיך צו וואַרפן אין די פיינטלעכע רייען,
ווי דער אָדלער-פלי האַסטיק אים דעם אָנגריף צו פאַרלויפן —
דאָס מער נישט געפונענדיק האָט ער געווענדט זיך צו גאָט.

אָן ווערטער און שטום איז געפלאָסן די תּפילה
פון אַן איינזאַמען מענטש אַ פאַרלאָזטן פון אַלע.
אָבער יהוה דער גערעכטער האָט זיין תּפילה נישט פאַרנעמען,
די אויגן אים בלענדענדיק מיטן בלוט דעם פאַרגאָסענעם
פון די כּוֹהנים פון נוֹב, זיינע דינער די טרייע
און זיינע צופהלעך די קליינע פון זיין צאָרן נישט געשוינט.

ער זעט זיי איצט אַלע, געשאָכטן ווי זיי ליגן
אַרום שמואלן דעם זקן, צו זיין מאַנטל זיך טוליענדיק
נקמה אים בעטנדיק פאַרן בלוט דעם אומזיסטן.
און שמואל ווי אין גילגל דערשיינט ער איצט צאָרניק,
נאָכאַמאָל פאָרויסזאָגנדיק דעם טויט אים דעם נאָענטן
און ער פילט שוין זיין הויך און זיין אָטעם דעם קאַלטן.

יונתן, ווי שטענדיק אין די קאַמפן די אָפטע,
האָט דאָס חיל דערמוטיקט צום קאַמף קעגן שונא,
לויפנדיק פאָרויס מיט די ברידער די יונגערע
מענער געפרוווטע, אין שלאַכטן די ערשטע.
שאול אָבער דערשראָקן האָט נישט אָנגעגריפט דעם פיינט,
בלייבנדיק פון הינטן אויף די בערג פון גילבוע.

פונווייטנס פאַרנעמענדיק דעם קריג-ליאַרם דעם ווילדן,
ווי אַ שפּיל אַ פאַרהאַסטן, זיין האַרץ אַזוי פייניקלעכן,
איז זיין לעבן ביז היינט אַזוי זעלטן אים פאָרגעקומען,
ווי אַ חלום אַ פאַלטשער, אַ טעות אַ פאַרדריסלעכער —
פּשוט און גוט איז ער געווען דאָך אין דער יוגנט,
ווי יונתן זיין עלטסטער, ווי אַ פּאַסטעך פון פאָלק.

יעצט אויף דער עלטער וואָלט ער רויק שוין געזעסן,
אין האַרצן זיך פרייענדיק מיט די קינדער די געראָטענע,
זיי פאַרטרויענדיק די סטאַדעס פון פאָטער די געירשנטע.
די זון שמייכלט מילד, איר אָוונט-גרויס שיקנדיק
און פונווייטנס שוין הערן זיך גלעקעלעך קלינגען —
זיין סטאַדע קערט צוריק פון די פעלדער די גרינע.

אָבער ס'איז נישט די סטאַדע, וואָס קומט איצט פון פעלד!
דער ליאַרעם פון מלחמה קומט נענטער און נענטער,
יאָמער פון באַזיגטע, פון זיגער דער יובל,
די פיילן פון שונא דערגרייכן אַהער שוין!
נישט קיין צייט איצט צו טראַכטן פון שטילקייט און רו —
צו דער שפיז, אַלטער קעניג, צום וואָפן דעם פאַרהאַסטן!

אַט דערשיינט אויף אַ רייטער, ווי דער בליץ פאַר אַ דונער,
מיט קליידער צעריסענע און ערד אויפן קאָפּ
און סאַפּענדיק הויכט ער מיט ווערטער ווי פיילן:
געבראָכן די רייען! דער שונא יאָגט נאָך!
די מחנות אַנטלויפן! טויט און פאַרוויסטונג!
דיינע זין אויף די מוטיקע געפאַלן אין דער שלאַכט!

צו זיין וואָפן-טרעגער דעם טרייען ווענדט זיך דער קעניג,
אים די שווערד איבערגעבנדיק זיין באַפעל אויף דעם לעצטן:
מענלעך און מוטיק אים באַלד צו דערשטעכן
איידער דער שונא קומט אָן און אים לעבעדיק נעמען
קיין גת אים פאַרפירן, איבער די גאַסן פון אשקלון,
רום זיך פאַרשאַפנדיק פון קעניג פון ישראל.

אָבער דער פיינטלעכער יובל קומט נענטער און נענטער,
און זיין דינער דער טרייער אין אַלץ אים געהאָרכיק,
קוקט הילפלאָז אים אָן, ווי אַ שעפעלע שטום,
צעשראָקן ווי אַ קינד זיין באַפעל צו דערפילן. —
„האָסטו קיינמאָל, מיין שווערד, דאָך מיין ציל נישט פאַרפעלט,
פאַרפעל נישט אַציגד אויף דעם ציל מיר דעם לעצטן!"

* *
*

הינטער אַ פּאַלמען־בוים אַ גרינעם האָבן העלדן אים באַגראָבן,
אויסקעמפנדיק זיין גוף פון די פלשתים די שונאים,
קיין לויב־ליד נישט קאַרגנדיק פאַר זיין טויט דעם הויכמוטיקן,
נישט ווייט אָבער פון קבר שפּרייט אַ טאָל זיך אַ שיינע,
פּאַסטעכער קומען דאָ די סטאַדעס צו פיטערן,
אויסזינגענדיק הימנען צום לעבן און פרידן.